NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04596

DIMENTN FAR ALE

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע שול-ביבליאָטעק
סעריע ד זאמלונג 3

דימענטן פאר אלע

משלים

וואַרשע 1951
מלוכה-פארלאג פאר שול-אויסגאבן

צונויפגעשטעלט און באארבעט

פון

ל. אָליצקי

* * *

דער זאַמלער פון די פאַרליגנדיקע משלים פאַר אונדזערע קינדער און יוגנטלעכע האָט זיך ביים אָפּקלייב פון דעם מאַטעריאַל געריכטעט לויטן גאַנג פון אונדזער לאַנד, וואָס גייט שעפעריש צום סאָציאַליזם, ווען אַלע בירגער פּראָדוצירן און שאַפן פאַר זיך אַליין — פ אַ ר אַ ל ע.

דערפאַר טאַקע האָט ער די זאַמלונג אַ נאָמען געגעבן „דימענטן פאַר אַלע":

צווישן די שאַצבאַרע איידלשטיינער, וואָס האָבן אַמאָל מיט זייער שטראַלנדיק ליכט און פּראַכט געדינט אויסשליסלעך דעם מאַגנאַט, דעם בורזשוי, איז דער דימענט געווען אַן אויסנאַם דערמיט, וואָס ער האָט זיך טיילמאָל „אַראָפּגעלאָזן" אויך צו „שוואַרצער" אַרבעט — צו שניידן מיט זיין האַרטער שאַרפקייט גלאָז אָפילו פאַר קליינע שייבעלעך פון אַן אָרעמער פּויערישער כאַטע; —

די האַרטקייט און די שאַרפע שניידיקייט פון דעם דימענט איז אַ דמז אויף דער סאַטירע פון דער משל־דיכטונג, אויף דער סאַטירע, וואָס איז — לויט בעלינסקין, דעם געניאַלן רוסישן קריטיקער — „די פּאָעזיע פון דער משל־דיכטונג"; —

די געזאַמלטע משלים זיינען „דימענטן" נישט בלויז פאַר „אויסדער־וויילטע", נאָר פ אַ ר אַ ל ע; מיט דער דימענטיקער שאַרפקייט פון זייער סאַטירע שניידן זיי די „אויסדערוויילטקייט" פון די „אויסדערוויילטע" און מיט זייער שטראַלנדיק ליכט באַלייכטן זיי דעם וועג פאַר אַלע — דעם וועג צו אַן ערלעכער און שיינער וועלט.

ל. אַ.

פון דער אוראלטער יידישער משל־דיכטונג

דיביימער און דער דאָרנבוים

די ביימער זיינען געגאנגען זאלבן פאר זיך א מלך, און זיי האָבן געזאָגט צום אייל־בירטבוים:

— קיניג איבער אונדז.

האָט דער איילבירטבוים צו זיי געזאָגט:

— צי האָב איך דען אָנגעווירן מיין פעטן זאַפט, וואָס גאָט און לייט האָבן פון אים הנאה, איך זאָל גיין ארומוואָגלען צווישן די ביימער?

האָבן די ביימער געזאָגט צום פייגנבוים:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט דער פייגנבוים צו זיי געזאָגט:

— צי האָב איך דען אָנגעווירן מיין זיסקייט און מיין גוטע פרוכט, איך זאָל גיין ארומוואָגלען צווישן די ביימער?

האָבן די ביימער געזאָגט צום ווייַנטרויב־בוים:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט דער ווייַנטרויב־בוים צו זיי געזאָגט:

— צי האָב איך דען אָנגעווירן מיין ווייַן, וואָס דערפרייט גאָט און לייט, איך זאָל גיין ארומוואָגלען צווישן די ביימער?

האָבן אַלע ביימער געזאָגט צום דאָרנבוים:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט דער דאָרנבוים געזאָגט צו די ביימער:

— אויב איר זאַלבט מיך באמת פאַר אַ מלך איבער אייך, קומט אין שויץ פון מיין שאָטן. און אויב נישט — וועט אַרויס אַ פייער פון דעם דאָרנבוים און וועט פאַרברענען די צעדערן פון דעם לבנון!

דער משפט איבער דער שלאַנג

איינער איז געגאַנגען אין פֿעלד מיט א קרוג מילך. באַגעגנט אים אַ שלאַנג אַ חאַרשטשיקע און בעט אים:

— גיב מיר אַ טרונק.

פֿרעגט ער זי:

— וואָס וועסטו מיר באַצאָלן פֿאַר דער מילך?

— איך וועל דיר ווייזן אַן אוצר.

אַז די שלאַנג האָט זיך אָנגעטרונקען, זאָגט זי צום מענטשן:

— בייג זיך איין און הייב אויף אָט דעם שטיין, אונטער אים ליגט אַן אוצר.

ווי נאָר דער מענטש האָט זיך איינגעבויגן, טוט די שלאַנג אַ קריך אַרויף אויף אים און פֿאַרוויקלט זיך אַרום זיין האַלדז.

— וואָס טוסטו? — טוט דער מענטש אַ געשריי.

— דערפֿאַר וואָס דו ווילסט צונעמען מיין אוצר, מיין גאַנץ פֿאַרמעגן, וויל איך דיך דערשטיקן, — ענטפֿערט די שלאַנג.

זיינען זיי אַוועק צו שלמה המלך זיך לאָדן.

זאָגט שלמה המלך צו דער שלאַנג:

— קודם קריך אַראָפּ פֿון זיין האַלדז. וויבאַלד דו קומסט צום געריכט, דאַרפֿסטו נישט זיין אין קיין בעסערער לאַגע פֿון אים.

האָט די שלאַנג געפֿאָלגט.

— ערשט, — זאָגט שלמה המלך: לאָמיך הערן דיינע טענות.

— איך האָב רעכט דעם מענטשן שלעכטס צו טאָן, — זאָגט די שלאַנג: גאָט אַליין האָט מיר באַפֿוילן „זאָלסט בייסן דעם מענטשנס טריט".

— אויב אַזוי, — זאָגט שלמה המלך צו דעם מענטשן: האָט ד י ר גאָט באַפֿוילן „צעזעץ איר דעם קאָפּ".

האָט דער מענטש אַזוי געטאָן.

דעריבער זאָגט דאָס שפּריכוואָרט:

דער בעסטער שלאַנג — צעפּלעט דעם קאָפּ.

דער לייב און דער באָטשאַן

איינמאָל האָט דער לייב פֿאַרצוקט אַ שעפּעלע. האָט זיך אים געשטעלט אַ ביין אין האַלדז.

האָט דער לייב אָנגעהויבן רופֿן :

— ווער ס'וועט קומען אַרויסנעמען מיר דעם ביין, דער וועט באַקומען פֿון מיר אַ גוטן לוין.

איז געקומען דער באָטשאַן, אַריינגעשטעקט דעם לייב אין מויל זיין לאַנגן שנאָבל און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין.

— ערשט, — רופֿט זיך אָפּ דער באָטשאַן : גיב מיר, לייב, מיין לוין.

— וואָס ?! — הייבט אָן דער לייב צו ברילן : איז דאָס ווייניק לוין פֿאַר דיר, וואָס דו קענסט אַוועקגיין פֿון דאַנען און זיך באַרימען : „איך בין אַריין אין לייבס מויל, און אַרויס פֿון דאָרט בשלום"!?

דער פֿוקס און די פֿיש

אַ פֿוקס האָט אַרומגעשפּאַצירט ביים ברעג פֿון אַ טייך. האָט ער דערזען, ווי די פֿיש לויפֿן אַרום אין וואַסער אומרויק אַהין און אַהער. פֿרעגט ער זיי :

— פֿאַר וועמען אַנטלויפֿט איר עס אַזוי ?

ענטפֿערן אים די פֿיש :

— מיר אַנטלויפֿן פֿאַר די אַלערליי נעצן, וואָס מע פֿאַרוואַרפֿט אין וואַסער, אונדז צו כאַפּן.

— ווייסט איר וואָס, — זאָגט צו זיי דער פֿוקס : פֿאָלגט מיך, קומט אַרויס צו מיר אויף דער יבשה, און מיר וועלן זיך לעבן צוזאַמען אין פֿריינדשאַפֿט, ווי מיינע עלטערן מיט אייערע האָבן אַמאָל געלעבט.

— העי, דו פֿוקס! — ענטפֿערט אים די פֿיש : מע זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט דער קליגסטער צווישן די חיות, צום סוף ביסטו גאָר אַ נאַר — אויב דאָ, אינעם וואַסער, וווּ ס'איז אונדזער לעבנס־אָרט, לעבן מיר אין שרעק, וויזשע וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן אַרויסגיין אויף דער יבשה, וווּ ס'איז דאָס אָרט פֿון אונדזער טויט ?!

דער פוקס און דער וואָלף

אַ הונגעריקער וואָלף איז אַמאָל אָנגעפאַלן אויף אַ פוקס און אים געוואָלט צערייסן.

זאָגט אים דער פוקס:

— וואָס קאָנסטו פון מיר האָבן? איך בין הויל פעל און ביינער. איך קאָן קלעקן ביי דיר אײנגאַנצן אויף איין צאָן. אויב דו ווילסט רעכט הנאה האָבן, פאָלג מיך און גיי אַריין אין אַ יידישן הויף — היינט איז ביי זיי ערב־שבת, וועסטו זיי מיטהעלפן צוגרייטן די סעודה אויף שבת, און דערפאַר וועסטו באַקומען פון זיי אום שבת אַ פעטן חלק.

פאָלגט ער אים, דער וואָלף דעם פוקס, און לאָזט זיך אַהין לויפן.

אָבער ווי נאָר דער וואָלף איז צוגעקומען צום ערשטן יידישן הויף, זיינען די מענטשן אַרויס קעגן אים מיט שטעקנס, גוט אָנגעבראָכן אים די ביינער און פאַרטריבן. דער וואָלף האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אומגעקערט צום פוקס און שרייט מלא־רציחה:

— דו אַזוינער און אַזוינער! פאַרפירן האָסטו מיך געוואָלט! צערייסן וועל איך דיך!

— זיי נישט אַזוי אויפגעבראַכט, — באַרויקט אים דער פוקס: נישט אַנדערש, אַז די קלעפ האָסטו באַקומען צוליב דיין טאַטנס חטאים — ער האָט אַמאָל געהאָלפן די יידן צוגרייטן די סעודה, האָט ער בעת־מעשה אויסגעכאַפט יעדן פעטסטן ביסן.

— נו, איז וואָס? — שרייט דער וואָלף: פאַר מיין טאַטנס חטאים קומט מיך שמייסן?

— וואָס מיינסטו, נאַרעלע, — זאָגט דער פוקס: אַזוי איז עס שוין — „די טאַטעס עסן זויערס, און ביי די קינדער ווערן הייליק די ציין". נאָר איך זע דאָך, אַז דו ביסט נעבעך אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט, איז קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן אַן אָרט, ווו דו וועסט זיך אָנעסן צו דער זעט.

און דער פוקס האָט אַוועקגעפירט דעם וואָלף צון אַ ברונעם. איבערן ברונעם איז געווען איבערגעלייגט אַ הילצערן וועלצל, דאָס וועלצל — אַרומגעוויקלט מיט אַ שטריק, אויף יעדן עק פון דעם שטריק — אָנגעבונדן אַן עמער. אַזוי, אַז ווען איין עמער איז געווען אונטן אין ברונעם, איז דאָס צווייטע געווען אויבן איבערן ברונעם. דער פוקס האָט זיך אַריינגעזעצט

אין אײַבערשטן עמער און זיך אַראָפּגעלאָזט. דאָס אונטערשטע עמער איז אַרויף פֿון אויבן.

שרײַט דער וואָלף אַרײַן אין ברונעם:

— העי, פֿוקס, וואָס טוסטו דאָרט אַזוינס?

— איך האָב דאָ דערטאַפּט, — שרײַט אַרויף דער פֿוקס פֿון ברונעם: אַ זויער געשמאַקן ביסן. אַ פֿרישע שטיק קעז, קלאָר ווי זילבער און צעגייט אין מויל אַ מחיה! אָט, זע אַליין.

און דערבײַ ווײַזט ער אים מיטן פֿוס אויפֿן אָרט אין וואַסער, וווּ עס שפּיגלט זיך אָפּ די שײַנע לבֿנה.

— אוי, זאָג נאָר, ווי אַזוי קאָן איך אויך צוקומען דערצו? — פֿרעגט דער וואָלף און באַלעקט זיך.

— גאָר פּשוט, — ענטפֿערט דער וואָלף: מע נעמט און מע זעצט זיך אַרײַן אין אײַבערשטן עמער, עס וועט שוין רעכט זײַן.

פֿאָלגט אים דער וואָלף און לאָזט זיך אַראָפּ. ווי נאָר ער איז אַראָפּ, איז אים אַקעגן דער פֿוקס אין אונטערשטן עמער אַרויף.

— עס, עס! — שרײַט צו אים אַראָפּ דער פֿוקס: און זאָל דיך וווּיל באַקומען.

— וואָס עסן, ווער עסן! — שרײַט דער וואָלף אַרויף, כאַפּנדיק זיך, ווי מיאוס ער איז דאָ אַרײַנגעפֿאַלן: זאָג מיר בעסער, דו פֿאַלשע בריאה, ווו אַרום קריכט מען פֿון דאַנען אַרויס?

— ליג דאָרט, ליג! — שרײַט אַראָפּ צו אים דער פֿוקס: ווי זאָגט דאָרט דער פּסוק — „דער גערעכטער ווערט פֿון אומגליק באַפֿרײַט, און דער אומגערעכטער קומט אויף זײַן אָרט".

צוויי פֿייגעלעך

ביים פֿענצטער אין אַ שטייגל
איז אַ געפֿאַנגען פֿייגעלע געזעסן
און פֿון אַ שיסעלע אַ פֿולס, אַ גרייטס
געגעסן:
פּיק־פּיק די קערנדלעך, פּיק־פּיק!
דערנעבן אויף אַ צווייגל

אַ פֿייגעלע אַ צווייטס
(זעט אויס, שטאַרק הונגעריק געווען)
האָט דאָס מיט קנאה צוגעזען
און מיט אַ זיפֿצעלע געזאָגט:
— אַך־אַך! אַז איינעם איז באַשערט אַ גליק,
שטיל, רויק זיצט ער זיך אויף גרייטע קעסט
און פֿרעסט,
און וויפֿל ער פֿאַרמאָגט,
אַלץ נאָך, אַלץ מער אים;
און איינער, אָך און וויי, איז גאַנצע טעג פֿאַריאָגט,
פֿליט אום מיט איינגעשרומפּענע געדערעם,
און יעדעס קערנדל קומט אָן אים
מיט גרינגע ווערעם.
— ביסט מיר מקנא? — ענטפֿערט דעם גליק אָפּ,
אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ,
דאָס פֿייגעלע פֿון שטייג:
מקנא ביסטו מיר? אויף אַלע שונאים!
דו נאַר דו איינער, שווייג שוין בעסער, שווייג —
דו זעסט מיין שפּייז, צי זעסטו אויך מיין שטייג?

די שקאַפֿע, די אייזלטע און די חזירטע

ביי איינעם אַ באַלעבאָס אין שטאַל האָבן זיך געפֿיטערט אַ שקאַפֿע, אַן אייזלטע און אַ חזירטע. דער חזירטע פֿלעגט דער באַלעבאָס אַריינדערלאַנגען עסן גלייך צוגעטיילט מיט קיין מעסטל. דער שקאַפֿע און דער אייזלטע אָבער — צוגעטיילט מיט אַ מעסטל.

זאָגט איינמאָל די שקאַפֿע צו דער אייזלטע:

— וואָס מיינט ער, דער דאָזיקער שוטה? אונדז, וואָס מיר אַרבעטן אויף אים, דעם באַלעבאָס, כסדר — טיילט ער צו מיטן מעסטל, און איר, דער חזירטע, וואָס ליגט פּוסט־און־פּאַסט מיט פֿאַרלייגטע פֿיסלעך, גיט ער צו פֿרעסן אָן אַ מאָס!

ענטפֿערט איר די אייזלטע:

— ווארט צו, שקאפע! עס וועט קומען די צייט, און דו וועסט זען סארא מפלה זי וועט האבן, די חזירטע, ווייל נישט כדי איר כבוד אנצוטאן ווערט איר אונטערגעטראגן די אבילה, נאר צום בראך אירן.

ווען עס זיינען אנגעקומען די חגאות, האט מען גענומען די חזירטע און מע האט זי געקוילט.

ווען מע האט צו יענער צייט אנגעהויבן אריינדערלאנגען גערשטן דער מאכמער פון דער אייזלטע, האט זי עס בלויז ארומגעניוכעט און זיך געשראקן עס צו עסן.

האט איר די אייזלטע, די מאמע, געזאגט:

— האב נישט קיין אנגסטן, טאכטער מיינע, נישט ווייל זי האט, די חזירטע, א סך געגעסן, האט מען זי געקוילט, נאר ווייל זי האט געארנישט געארבעט.

די בעסטע סחורה

אויף א שיף, וואס איז געשוואומען אין ווייטע לענדער, זיינען געפארן א סך סוחרים. זיי האבן געפירט פארשיידענע סחורות און געשמועסט וועגן מסחר. זיי האבן געוויזן איינער דעם אנדערן זייערע סחורות, גע־קויפט און געביטן זיך מיט זיי.

צווישן זיי איז געזיצן איינער א מאן, וואס האט אין זייערע שמועסן און אין זייער האנדל קיין אנטייל נישט גענומען.

— וואס איז דיין סחורה? — האט מען אים געפרעגט.

— מיין סחורה וועל איך ווייזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאנד, — האט דער מאן באשיידן געענטפערט.

די סוחרים האבן זיך געוויצלט איבער אזא מין סחורה, וואס מע זעט זי נישט, און זי פארנעמט נישט קיין ארט אויף דער שיף.

אויפן וועג זיינען אנגעפאלן אויף זיי ים־רויבער און צוגענומען זייער גאנצע סחורה. ווען די שיף איז אנגעקומען אין לאנד, זיינען אלע סוחרים אראפ פון איר הוילע און נאקעטע. זיי האבן אפילו נישט געהאט אויפן ערשטן מאלצייט. דעם מאן אבער, וואס זיי האבן אויסגעלאכט, האבן באגעגנט א סך מענטשן מיט גרויס כבוד.

דערמלט האָבן זיך שוין די סוחרים אָנגעשטויסן, אַז וואָס עס באַשטייט זיין סחורה, וואָס מע האָט זי נישט געזען, און זי האָט קיין אָרט אויף דער שיף נישט פאַרנומען. זיי זיינען צון אים צוגעגאַנגען און האָבן געזאָגט:

— גליקלעך ביסטו, געלערנטער מאַן, מיט דיין סחורה. זי איז די בעסטע: זי ווערט נישט געריבט און גייט נישט פאַרלוירן.

פון דער אַלט־גריכישער משל־דיכטונג: עזאָפּ

ע ז אָ פּ

עזאָפּ, אַ גריך, האָט געלעבט אין גריכנלאַנד אין מיטן פונעם 6־טן יאָר־הונדערט. זײַנע משלים האָט ער געשריבן אין פּראָזע, וועלכע איז צו יענער צייט ערשט אויפגעקומען אין דער גריכישער ליטעראַטור. די משלים האָבן פאַרמאָגט אין זיך פאָלקסטימלעכע עלעמענטן, און דאָס פאָלק האָט זיי גערן אויפגענומען.

עזאָפּ ווערט פאַררעכנט פאַר דעם גרונטלייגער פון דעם משל־זשאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די משל־דיכטער, וואָס זײַנען געקומען נאָך אים.

דער האָלצהעקער און הערמעס *)

אַ האָלצהעקער האָט געהאַקט האָלץ בײַ אַ טײַך און האָט אַראָפּגעוואָרפן זײַן האַק אין וואַסער.

דער אָרעמער האָלצהעקער האָט זיך געזעצט בײַם ברעג טײַך און ביטער געוויינט.

איז פאַרבײַגעגאַנגען הערמעס. דערוווּסט זיך די סיבה פון דעם האָלצהעקערס וויינען, האָט הערמעס רחמנות געקראָגן אויף אים, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ גאָלדענע האַק.

— ס'איז דײַן האַק? — פרעגט הערמעס.

---

*) דער גאָט פון האַנדל בײַ די אַלטע גריכן.

— ניין! — ענטפערט דער האלצהעקער.

הערמעס האט זיך ווידער אראפגעלאזן אונטערן וואסער און ארויפגע־בראכט א זילבערנע האק.

דער האלצהעקער האט זיך אפגעזאגט אויך פון דער דאזיקער האק.

דעמלט האט זיך הערמעס אראפגעלאזן א דריט מאל אונטערן וואסער און ארויסגעברענגט פון דארט די אמתע האק.

— אט די איז מיינע! — האט זיך דערפרייט דער האלצהעקער.

הערמעס איז געווארן פון דעם האלצהעקערס ארנטלעכקייט און האט אים אוועקגעשאנקען אלע דריי העק. —

די דאזיקע געשיכטע האט דער האלצהעקער דערציילט זיינע באקאנטע. איינעם פון זיי האט זיך פארוואלט אזא גליק. ער איז אוועק צום טייך, מיט א כיוון אריינגעווארפן אהין זיין האק און געזעצט זיך אויפן ברעג וויינען.

באלד האט זיך באוויזן הערמעס און געפרעגט ביי אים, וואס ער וויינט. יענער האט דערציילט.

הערמעס האט זיך ווידער אראפגעלאזן אין וואסער, ארויסגעצויגן פון דארט א גאלדענע האק און געפרעגט ביים ליידיקגייער: — דאס איז דיין האק?

— יא! יא! — האט אויסגעשריגן דער האלצהעקער מיט א שמחה.

הערמעסן איז געווארן עקלדיק צו הערן דעם האזיקן שקר. לא־די וואס דער האלצהעקער האט נישט באקומען די גאלדענע האק, האט ער אפילו נישט צוריק געקראגן זיין אייגענע.

די שעשקע*) און די מייז

א שוסטער האט געהאלטן ביי זיך א ווייסע שעשקע. די שעשקע פלעגט אלע טאג כאפן א מויז.

איינמאל איז די שעשקע אריינגעפאלן אין א צעבער מיט טינט און איז ארוים פון דארטן א שווארצע.

— איצט דארף מען האפן, — האבן זיך געטראכט די מייז: וועט שוין

*) א טכויר.

אונדזער שונא נישט עסן אונדזער פלייש — זיין פעל איז דאך שוין פון אן אנדער קאליר.
און זיי זיינען דרייסט ארויסגעקראכן פון די לעכער און גענומען זוכן וואס צוצובייסן.
דערזען אזא חבֿרה מייז, האט די שעשקע געקראגן גרויס אפעטיט. זי האט זיך א וואָרף געטאן אויף די מייז און אנגעגעסן זיך ביז איבערן האלדז — געשטיקט צוויי פאראמאל.
צעציטערטע זיינען זיך די איבעריקע מייז צעלאפן אין די לעכער.
— א מאדנער וואונדער, — האבן גערעדט צווישן זיך די מייז: דאכט זיך, די שעשקע האט איבערגעביטן איר פעל, און דאך איז זי געווארן נאך גרויזאמער.

דאָס פערד און דער אייזל

א מענטש האט געהאט א פערד מיט אן אייזל. איינמאל האט ער זיך געלאזן אין וועג אריין. ער האט גענומען מיט זיך דאס פערד און דעם אייזל. דאס פערד איז אים א שאד געווען: ער האט עס געלאזן פריי אן א שום משא. דערפאר האט ער אויפן אייזל ארויפגעלייגט אלע פעק, וואס ער האט געדארפט נעמען מיט זיך.
דער אייזל האט א לענגערע צייט געשלעפט די שווערע משא. ביסלעכווייז אבער האט דער אייזל אנגעהויבן אפשטיין און פילן זיך שלעכט. האט ער זיך געווענדעט צום פערד און געזאגט:
— פריינד! נעם אויף זיך א טייל פון מיין לאסט. פאר מיר אליין איז צו שווער אלץ צו טראגן. אויב דו וועסט נעמען א טייל, וועט מיר וועָרן לייכטער. איך וועל באלד קומען צו זיך און וועל קאנען גיין דעם גאנצן וועג. וועסטו אבער מיר נישט ארויסהעלפן, וועל איך פאלן אונטער דער שווערקייט פון דער לאסט.
דאס פערד האט אבער גראב געענטפערט:
— גיי זיך דיר, נארישער אייזל, געזונטערהייט. לאז מיך צו רו.
דער אייזל האט אראפגעלאזט דעם קאפ און שטילערהייט זיך אוועקגעשלעפט ווייטער. אבער די משא איז געווען צו שווער פאר אים. ער האט נישט אויסגעהאלטן און, איז געפאלן אויף דער ערד א טויטער.

איצט האָט דער באַלעבאָס פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט גוט און נישט קלוג באַהאַנדלט דעם אייזל. ער האָט אַראָפּגענומען די גאַנצע משא פון דעם אייזל און אַרויפגעלייגט זי אויפן פערד.

ער האָט אויך אָפּגעשונדן די פעל פון דעם אייזל און אַרויפגעוואָרפן זי אויפן פערד.

האָט דעם פערד איצט שוין פאַרדראָסן, וואָס ס'האָט פריער נישט אַרויסגעהאָלפן דעם אייזל. האָט דאָס פערד געזאָגט:

— ווי איז מיר פאַר מיין שלעכטקייט! דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געוואָלט טראָגן מיין טייל, דאַרף איך איצט טראָגן די גאַנצע משא און דערצו נאָך די פעל פון דעם אייזל.

פֿון דער מיטלאַלטערלעכער ייִדישער משל־דיכטונג

אַ בעל־חשבון

אַ קליין ייִנגעלע איז אַרומגעלאָפֿן איבער די שטובן, רייטנדיק אויף אַ שטעקן. דער טומל האָט געשטערט זיין טאַטן אין זיין אַרבעט. האָט צו אים דער טאַטע געזאָגט:

— הער אויף, מיין קינד, צו פֿאָרן אויף דיין פֿערדל. איך וועל דיר דער־פֿאַר געבן דריי גראָשן.

דאָס ייִנגעלע האָט אויפֿגעהערט צו פֿאָרן און באַקומען פֿון זיין טאַטן די דריי גראָשן.

אויף מאָרגן האָט דאָס ייִנגעלע ווידער גענומען רייטן אויפֿן פֿערדל און טומלען. האָט אים דער טאַטע ווידער אונטערגעקויפֿט מיט דריי גראָשן. און פֿון דעמולט אָן פֿלעגט עס שוין אַזוי פֿאָרקומען אַלע טאָג.

איינמאָל איז זיין טאַטע אַוועקגעפֿאָרן אין אַ צווייטער שטאָט אַרבעטן און איז דאָרט פֿאַרבליבן אַ לאַנגע צייט. דאָס ייִנגעלע פֿלעגט אַלע טאָג אָנהייבן רייטן אויפֿן שטעקן, אויפֿהערן און יעדעס מאָל פֿאַרשרייבן אונ־טערן טיש אויף זיין בלאַט מיט אַ קריידל וויפֿל געלט עס קומט אים פֿון זיין טאַטן.

ענדלעך איז דער טאַטע אַהיים געקומען. דאָס ייִנגעלע איז שוין ערשט געווען אַ היפּש ייִנגל. ווי נאָר דער טאַטע האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט פֿון וועג, האָט ער ביי אים אַ מאָן געטאָן דאָס גאַנצע געלט, וואָס סע קומט אים פֿאַר דעם, וואָס ער איז די גאַנצע צייט נישט געפֿאָרן אויפֿן שטעקן.

— דו נאַר איינער! — האָט אים דער טאַטע געזאָגט מיט פֿאַרדראָס: ווען דו ביסט געווען אַ קליין ייִנגעלע, פֿלעג איך דיך אונטערקויפֿן מיט די דריי גראָשן, דו זאָלסט זיך נישט נאַריש מאַכן. אָבער איצטער, אַז די

ביסט שוין א גרויסער ,דארפסטו זיך גאר שעמען צו פארלאנגען, איך זאל דיר באצאלן דערפאר, וואס דו האסט זיך נישט נאריש געמאכט!

נ מ ש ל

א סך מענטשן מיינען, אז סע קומט זיי נאך צוצוצאלן פאר דעם, וואס זיי זיינען ארנטלעך. זיי פארגעסן, אז צו זיין ארנטלעך איז פשוט א פליכט.

אַ בעל־טובה

עס זיינען געווען אמאל צוויי ברידער. איינער — אן ארנטלעכער, דער צווייטער — נישט קיין ארנטלעכער. נאך זייער פאטערס טויט איז זיי איבערגעבליבן א ירושה, מיט וועלכער זיי האבן זיך געדארפט צעטיילן. האט דער אומארנטלעכער אפגענארט זיין ברודער און מיט שווינדל צוגענומען ביי אים זיין חלק ירושה.

דער באשווינדלטער ברודער איז מיט דער צייט געווארן זייער ארעם. ער פלעגט מוזן אנקומען צו זיין רייכן ברודער, ער זאל אים ארויסהעלפן פון צייט צו צייט, ווען ער איז אין א גרויסער נויט. דער רייכער ברודער פלעגט אים אמאל טאקע ארויסהעלפן, ווייל ער האט דאך אין הארצן געוווסט, אז ער גיט אים זיין אייגנס, דעם ברודערס הייסט עס.

אין א צייט ארום האט זיך דער ארעמער ברודער אנגעהויבן אנשטויסן און זיך געכאפט, אז זיין ברודער דער גביר האט אים באשווינדלט. האט ער אים פארקלאגט אין געריכט. דאס געריכט האט געפסקנט, אז דער רייכער ברודער דארף אויסצאלן דעם ארעמען זיין גאנצן חלק ירושה.

— אבער, הער ריכטער, — האט דער גביר געטענהט: איך האב דאך אים די גאנצע צייט מיט אזויפיל געלט ארויסגעהאלפן, דארף מען עס דאך ערשט ארויסרעכענען פון זיין חלק ירושה.

— אט פאר די מתנות, וואס דו האסט אים געטאן, — האט בייז געזאגט דער ערלעכער און קלוגער ריכטער: קומט דיר נאך א גרעסערע שטראף. נאך ווייניק דיר, וואס דו האסט אים באשווינדלט און בארויבט, האסטו אים נאך אזוי דערנידעריקט און געמאכט אים גלויבן, אז ער לעבט פון דיינע נדבות!

נ מ ש ל

עס זיינען דא א סך אזעלכע, וואס נאכן בארויבן זייער ברודער, ווארפן זיי אים צו א נדבה.

פון דער נייער משל־דיכטונג



לאַפאָנטען

לאַפאָנטען, דער באַרימטער פראַנצויזישער משלים־שרייבער, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1621. זיין קינדהייט האָט לאַפאָנטען פאַרבראַכט צווישן פעלדער און וועלדער, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ באַאַמטער אין דעם וואַלד־רעסאָרט. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָעזיע. אין יאָר 1647 האָט אים דער פאָטער איבערגעגעבן זיין אַמט. אָבער די פּראַקטישע אַרבעט האָט אים נישט אינטערעסירט, און אינגיכן איז ער אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער איז שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן. ער איז זייער שנעל באַרימט געוואָרן און געהאַט גרויס דערפאָלג.

לאַפאָנטען האָט פון די אַלטע משלים־שרייבער איבערגענומען בלויז דעם

סיפור־המעשה פון דעם משל, ער האָט אים אָבער געגעבן אַ נייעם סטיל און נייע פאָרעם, און אין דעם פּרט איז ער געווען דער ערשטער. די גרויסע ווערט פון לאַפאָנטענס משלים באַשטייט אין זייער גרויסער קינסטלערישקייט. אין זיינע משלים קומט אַרויס די נאַטור אַ לעבעדיקע. אין געשטאַלט פון חיות שילדערט ער, פאַרשטייט זיך, די מענטשן פון זיין צייט, דורך זיי שילדערט ער און קריטיקירט די דעמאָלטיקע געזעלשאַפט, אָבער גלייכצייטיק זיינען די חיות פאַר זיך אַליין געגעבן לעבעדיק און קינסטלעריש.

לאַפאָנטען האָט געהאַט אַן איינפלוס אויפן גענִיאַלן רוסישן משל־שרייבער אי. אַ. קרילאָוו.

לאַפאָנטען איז געשטאָרבן אין יאָר 1695.

ווי די יונגע מויז זעט די וועלט

א יונגע מויז,
וואָס האָט צום ערשטן מאָל געמאַכט אַ פּרווו
אַרויסצוגיין פון הויז
און כאַפּן אויף דער וועלט אַ בליק, —
געקומען איז אין איילעניש צוריק,
און ס'טרעסלט זיך פון שרעק איר גאַנצער גוף:
— ווען דו וואָלסט וויסן, מאַמע, —
האָט זי אַרויסגעסאָפּעט פאַר איר מוטער:
וואָס מיר האָט ערשט פּאַסירט...
איך לויף אַזוי זיך אויפן הויף און זע, ווי סאַמע
אַקעגן מיר שפּאַצירט
אַ פיינע דאַמע;
זי טראָגט אַ ווייסן פוטער;
אַן עגלעכע צו אונדז, נאָר גרעסער פיל;
שפּאַצירט אַזוי באַהוטנט און שטיל,
און די מאַניִרן — ווייך ווי פוטער.
איך חלש מיט דער פריצעטע באַקאַנט צו ווערן,
און הייב אָן צוצוקלערן

פֿאַרשידענע תירוצים,
ווי פּלוצעם —
א ווילדער אויסגעשריי...
איך טו צעשראָקן זיך א דריי —
פֿון מיר נישט מערער ווי א שפּאַן —
א הויכער, א צווייפּיסיקער בויאַן,
באַוואָפֿנט מיט א רויטער קאַם;
ער קוקט אויף מיר אַזוי משונה־בייז,
אַז ס׳וועט מיר קאַלט און הייס
אין רוקן;
איך האָב דערשפּירט פֿון טויט דעם טעם.
כ׳האָב באַלד פֿאַרשטאַנען לויט זיין קוקן —
ער וועט מיך פּשוט באַלד פֿאַרצוקן,
און — אָן א „זייט געזונט!" דער גוטער מאַמע,
כ׳בין קוים צו דיר אַנטרינען, מאַמע!
— לויט כ׳זע, מיין טאָכטער פֿון דיין שילדערן, —
געענטפֿערט האָט די אַלטע מיט א קרעכץ:
דערשראָקן האָט דיך זייער
א האָן, א קרייער,
וואָס קאָן בלויז ליאַרעמען און פּילדערן;
זיי ווייסן אָבער, אַז א ז ו י נ ע
אונדז טוען קיינמאָל נישט קיין שלעכטס,
און חוקא יענע שטילינקע, מיין שאַץ,
איז אונדזער גרעסטער שונא —
די ווייסע קאַץ.

אי. אַ. קרילאָוו

איוואַן אַנדרייעוויטש קרילאָוו, דער גאָניאַלער רוסישער משלים־שרייבער, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1769. זיין פאָטער איז געווען אַן אָפיציר אין דער אַרמיי. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ קליינער באַאַמטער. ער איז געשטאָרבן, ווען זיין זון איז אַלט געוואָרן ניין יאָר. די פאַמיליע האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. איוואַן אַנדרייעוויטש האָט דעריבער נישט געקאָנט קריגן קיין געהעריקע בילדונג. צו עלף־צוועלף יאָר האָט ער אָנגעהויבן דינען ווי אַ שרייבערל אין אַ קאַנצעלאַריע. ער האָט געמוזט בייגן דעם רוקן פאַר די צאַרישע נאַטשאַלניקעס. און קרילאָוו האָט אָנגעהויבן פיינט צו האָבן די דעמאָלטיקע אָרדנונג מיט אירע נאַטשאַלניקעס און פּריצים.

אַלט וועלנדיק הייצן יאָר, האָט זיך קרילאָוו מיט זיין מוטער אַריבערגעקליבן קיין פּעטערבורג (הייַנט — לענינגראַד). אין אַ יאָר אַרום האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן. פון יאָר 1787 האָבן זיך קרילאָווס שאַפונגען, צווישן זיי אויך זיינע ערשטע משלים, אָנגעהויבן באַווייזן אין זשורנאַלן. אין זיינע ווערק איז קרילאָוו שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער דעמאָלטיקער אָרדנונג און האָט פאַרביסן אויסגעלאַכט די פּריצים און די נאַטשאַלניקעס, וואָס האָבן געלעבט אַ פאַרשווענדעריש לעבן אויפן חשבון פונעם אָרעמען אַרבעטנדיקן פאָלק.

די צאַרישע מאַכט האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. די זשורנאַלן, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעגעבן, האָט די מאַכט געשלאָסן. ענדלעך האָט ער לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט געמוזט פאַרלאָזן פּעטערבורג. ערשט אין

יאָר 1801, ווען עס האָבן זיך צוויי מאָל געטוישט די צאַרן, האָט זיך קרילאָוו אומגעקערט אין דער רעזידענץ-שטאָט. עס האָבן זיך געביטן די צאַרן, אָבער די פאַרהאַלטונג איז געבליבן די אייגענע. דעמאָלט האָט קרילאָוו ווידער אָנגעהויבן זיין קאַמף מיט איר, אָבער אין אַ פאַרשטעלטער פאָרעם — אין דער פאָרעם פון דעם משל. נישט תמיד האָט די צאַרישע צענזור געלאָזט דרוקן די דאָזיקע משלים, אָבער דער גרעסטער טייל פון די משלים זיינען געדרוקט געוואָרן, ווייל די צאַרישע צענזאָרן האָבן זיך נישט געכאַפּט, וואָס די משלים מיינען צו זאָגן. דאָס פאָלק אָבער האָט קרילאָוון פאַרשטאַנען אויפן וואונק, און זיינע נישט געדרוקטע משלים זיינען אומגעגאַנגען צווישן פאָלק אין צענדלינגער אָפּשריפטן. דאָס פאָלק האָט געקאָנט זיינע משלים און אפילו איבערגענומען זיינע ווערטלעך, פונקט ווי קרילאָוו האָט זיינע משלים געשריבן מיט דער שפּראַך פון דעם פּשוטן פאָלק. קרילאָוו האָט אין זיינע משלים אַרויסגעבראַכט די חכמה פון דעם רוסישן פאָלק.

קרילאָוו האָט איבערגעשטיגן אַלע רוסישע משלים־שרייבער, וואָס האָבן געשאַפן פאַר אים. קרילאָוו איז אינגיכן באַרימט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט.

דעם 9־טן נאָוועמבער 1844 איז דער גרויסער משל־שרייבער געשטאָרבן, אָבער זיינע ווערק לעבן ביז היינטיקן טאָג.

דער הונט און דאָס פערד

אַ פערדל און אַ הונט, אין דינסט ביים זעלבן באַלעבאָס,
גענומען האָבן זיך אַמאָל אין וויכטיקייט פונאַנדערקלייבן:
— קוקט אָן דעם וואַזשנעם האַר! — געמיינט האָט צום פערד בארבאָס:
לויט מיר נאָך וואָלט מען דאַרפן דיך בכלל פון הויף פאַרטרייבן.
אַ וואַזשנע חכמה פאָרן, אָדער אַקערן די ערד!
קיין אַנדער בריהשאַפט פון דיר האָט קיינער נישט געהערט;
צי קאָנסטו גלייכן זיך צו מיר, אין עפּעס מיך דעריאָגן?
ביי טאָג און אויך ביי נאַכט איך ווייס נישט פון קיין רו צו זאָגן;
ביי טאָג די משערדע אויף דער לאָנקע איז דורכויס
אויף מיין השגחה, און ביי נאַכט איך היט דאָס הויז.

— געווים, דיין רעדע האט זיך מיטן אמת נישט געמיטן, —
אים ענטפערט אפ דאס פחד:
נאר דו וואלסט דאך נישט האבן וואס צו היטן,
ווען איך צעהאקער נישט די ערד.

צוויי הינט

דער הויפהונט, וועלכער דינט זיין באלעבאס
געטריי און מאס,
בארבאס,
דערזעט אמאל אן אלטבאקאנטע זיינע,
די קרוויזיקע באלאגעטשקע, זשו־זשו, די פיינע;
אין פענצטער אויף א קישעלע פון פוך זי זיצט און רוט.
זיך לאשטשענדיק צו איר, ווי גאר צו אייגן פלייש און בלוט,
ביז טרערן איז ער א גערירטער,
און דא לעם פענצטער, וווּ ער שטייט,
סקאווומשעט ער און מיטן ווידל דרייט,
שפרינגט אונטער, שיר דעם זין פארלירט ער.
— זשוזשוליטקע, ווי לעבט זיך דיר פון זינט
די הערשאפט האט אין פאלאץ דיך גענומען?
געדענקסט דאך: אויפן הויף פלעגט אפט דער הונגער צון אונדז קומען.
און וואס באשטייט דיין דינסט אצינד?
— ס'א זינד, — זשוזשו אים ענטפערט: זיך אין גליק צו קלאגן,
מיין פריץ וואלט מיך אויף די הענט רק אומגעטראגן:
איך לעב אין שפע און אין כל־דאס־גוטס;
צום עסן, טרינקען — כלים זילבערנע צו מיין באנוץ;
איך שפיל זיך מיטן פריץ זעלבסט; און פיל איך איינגעמידט זיך,
אויף טעפיכער, דיוואנען קייקל איך זיך, ליג און זיץ איך.
און דיר ווי לעבט זיך?

— מיר? — איר זאגט בארבאס

און, ווי א קאנטשיק, לאזט אראפ דעם עק און אויך די נאז:
מע לעבט זיך אויפן אלטן שטייגער —

כ'לייד קעלט, פאַר הונגער פייגער,
און, ווען איך היט דעם פּריצס הויז,
איך שלאָף הינטערן פּאַרקאַן, און דער רעגן ווייקט מיך אויס,
און הייב איך אָן צו בילן נישט געהעריק,
באַקום איך אויך אַ געריק.
דורך וואָס־זשע, זאָג, זשוזשו, ביסטו געשטיגן אַזוי הויך,
הגם ביסט קליין און שוואַכלעך אויך,
ווען איך קריך ממש פון דער פעל אומזיסט אַ יעדע ווײַלע?
און וואָס באַשטייט דיין דינסט?
— מיין דינסט? אַ שיינע שאלה! —
זשוזשו אים ענטפערט אָפּ מיט חוזק אויף די ציין:
אויף מיינע הינטערפיסלעך גיי איך פיין און שיין.

נישט איינער האָט אין לעבן בלויז דערפאַר הצלחה,
ווייל גיין אויף הינטערפיסלעך איז זיין קונסט־מלאכה.

דער חזיר אונטערן דעמב

אַ חזיר האָט צופוסנס פון אַן אור־דעמב, רייך מיט ניס,
מיט זיי ביז צו דער זעט זיך אָנגעפרעסן, ביז צו איבל;
זיך אָנגעפרעסן, אונטער אים פאַפּט איין ער זיס;
דערנאָך, די אויגן אויפגעזשמורעט, הייבט ער אויף זיך מיט פאַריבל
און ראַיעט ביי די וואָרצלען אויס אַ גריבל נאָך אַ גריבל.
— דו שאַדסט דעם בוים דאָך, הער, —
פון דעמב אַ קראַ זיך טוט צו אים אַ קער:
קוים דערקסטו אָפּ די וואָרצלען, קאָן ער נעמען דאַרן.
— אַז דאַרן זאָל ער! — זאָגט דער שווין מיט גרים:
עס הייבט מיר נישט לחלוטין אָן צו אַרן;
די גרויסע טובות וואָס מע האָט פון אים!
ער זאָל בכלל נישט זיין, וועל איך פאַרזאָרגט נישט ווערן,
די ניס בלויז דאַרף איך: זיי מיט פעטס מיך גערן.
— דו, — זאָגט דער דעמב אים: דאַנקבאַרלאָזער גביר!

וואָלסטו געקאָנט און וואָלסט דעם שנייץ אַרויף געבויגן,
געזען עס וואָלטן דיינע אויגן,
אַז ס'וואַקסן קאָט די ניס אויף מיר.

אַזוי אויך דער עם־הארץ אין זיין בלינדקייט און פאַרווילדונג
די וויסנשאַפטן מאַדלט און די בילדונג
און אַלע ווערק פון גייסט,
נישט פילנדיק, אַז ער מיט זייער פרוכט זיך שפּייזט.

דער לייב אויף יאַגד

א לייב, אַ וואָלף, אַ פוקס צוזאַמען מיט אַ הונט
געלעבט האָבן אַמאָל אַלס שכנים.
אויף דעם־אָ גרונט
געשלאָסן האָבן זיי אַזאַ מין בונד
אַנומלט אין אַ טאָג אַ שיינעם:
צוזאַמען גיין אויף יאַגד, און וואָס מ'עט ברענגען מיט די ציין,
צעטיילן גלייך אויף גלייך אָן אונטערשיד פון גרויס און קליין.
איך ווייס נישט ווי, מיט וואָס, נאָר תחילת, ווייס איך איז געגאַנגען
דעם פוקס — ער האָט אַ הירש געפאַנגען;
ער לאָזט שטאַפעטן צו די פריינד אין גאַנג:
קומט, ליבע, זיך צעטיילן מיטן פאַנג;
אַ זאַקרויב, וואָס מע קאָן מיט אים זיך פילן נישט געפאַלן!
געקומען. אויך דער לייב. צעשפּרייטנדיק די קראַלן,
באַטראַכט ער די חברים רונדאַרום,
ווי גלייך ער נעמט זיי פאַר דער חלוקה צײלן:
— מיר זיינען, ברידער, קאָלבעפּערט, — ער טוט אַ ברום,
און ער צערייסט דעם הירש אויף פיר אַלציינע טײלן:
אַצינדער צו דער חלוקה! זעט־זשע, פריינד און הערט —
אַט דער טייל מ י ר געהערט
לויט אונדזער אָפּמאַך, ווי געשלאָסן;
און דער קומט מ י ר אַלס לייב גאָר אָן פאַרוואָס;

און דער איז מיין, ווייל איך דער שטאַרקסטער בין אויף דרערד;
און דעם — וועט ס'וועט נאָר וואָגן מיט אַ קלאַפּע אָנצורירן,
דער וועט דאָ אונטער מיינע אויפן אָרט קראַפּירן.

דער פויער און דער באַטראַק

ווען ס'העננט אַן אומגליק איבער אונדזער קאָפּ,
צופרידן זיינען מיר — דעם מענטשן,
וואָס שטעלט זיך איין פאַר אונדז צו בענטשן.
נאָר ווי דער אומגליק פון די פּלייצעס פאַלט אַראָפּ,
קומט אָפּט גאָר אויס דעם רעטער האָבן פון אונדז צרות:
עס יאָגן אַלע איבער זיך אין לויב פאַר אים;
און מיר — אויב עס באַשולדיקט אים נישט אונדזער שטים,
איז דאָס אַ נס, וואָס וואָר איז!

פאַרנאַכט איז פונעם היי־שניט מיט פאַרקלערטן שפּאַן
אַהיים אין דאָרף, פאַרביי אַ וואַלד, געגאַן
מיט זיין באַטראַק אַן אַלטער פויער.
ווי פּלוצעם אויג אויף אויג מיט זיי — אַ בער פון לויער.
פון פויערס ברוסט קיין אָך איז נישט אַפּער,
ווי ס'טוט אַ וואַליע זיך אויף אים דער בער.
ער קנעט אים, דריט און ברעכט, מוט בעריש אים אַ צערטל,
און זוכט, פונוואַנען אָנצוהייבן אים שוין, בלויז אַן ערטל.
דער אַלטער זעט פאַר זיך דעם טויט.
— סטעפּאַנושקע! — פון בער אַפּער ער בעט זיך ביטער:
פאַרלאָז נישט ליבלעכער, נשמה, אין דער נויט! —
צונויפגעזאַמלט גאָר די כוחות, אַן אַ ציטער
עס לאָזט אַראָפּ די האַק דער נייער הערקולעס *)
און, אָפּגעהאַקט דעם בער אַ האַלבן פּרעס —
אַ שטאָך דיווידלע אים אין בויך מיט האַנט געניטער.

---

*) אַ גריכישער העלד.

צערעוועט זיך און פאַלט האַלב־טויט דער בער;
מיין בער נעמט שטאַרבן.
דער אומגליק איז פאַרביי; דער פויער הייבט זיך אויף און — הער,
ער זידלט דעם באַטראַק גאַר מיט אַ צאָרן אַ האַרבן.
בלייבט שטיין מבולבל, נעבעך, מיין סטעפּאַן.
— פאַרוואָס, מחילה? — זאָגט ער.
— הערסט? פאַרוואָס? באַלוואַן!
אַ וואָסער פרייד האָט דיך באַמאַכט? ער שמייכט! אַ צרה:
אַ חל געמאַכט די פעל די גאַרע!

די דורכגייער און די הינט

פאַרנאַכטצייט גייען זיך חברים זאַלבעצווייט,
און וועגן וויכטיקע ענינים גייט ביי זיי אַ רייד;
ווי פּלוצעם פון אַ טויער אַ געביל, אַ הונט נעמט לויפן,
נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער מיט אַ גוואַלד,
און ס׳טוט אויף זיי אַ לאָז זיך אויגנבליקלעך־באַלד
אַ האַלבע מאה הינט פון אַלע הויפן.
ווייל איינער פון די דורכגייער דאָ אויפהייבן אַ שטיין.
— העי, לאָז געמאַך, מיין פריינד! — דער צווייטער גיט אים צו פאַרשטיין:
דו וועסט דאָס בילעריי פון הינט נישט שטילן,
צערייצט זי בלויז, די כאַפּטע, זי זאָל שטאַרקער בילן;
קום ווייטער; איך קען בעסער זייער טבע און געפילן. —
באמת, אַפּגעגאַן אַ פופציק שפּרייזן אומגעפער,
אַלץ שוואַכער גרייכט דאָס בילן ווייערס צום געהער,
און ענדלעך הערט מען עס לחלוטין שוין נישט מער.

די נישטפאַרגינערס, וואָס עס זאָל זיי פאַרן גליק נישט קומען,
זיי הייבן תמיד אויף אַ בילעריי;
נאָר דו גיי רויק זיך דיין וועג פאַרביי;
זיי וועלן בילן, און זיך אויסבילן, און שטומען.

די חלוקה

פארמאגנדיק א הויז בשותפות און אן אלגעמיינעם
קאנטאר, עס האבן סוחרים, ארנטלעכע לייט,
זיך אנגעלעבט א באהג מיט גאלד א שיינעם;
מיט די פארדינסטן זיך צו טיילן איז שוין צייט.
נאר אן מחלוקתן צעטיילן זיך געהאט נישט קיינעם.
פאר געלט און סחורה טומלט מען, מע פאכעט מיט די הענט, --
ווי פלוצעם שרייט מען, אז אין הויז דא ברענט.
— אוי, גיכער, גיכער,
די סחורה ראטעוועט, דאס הויז! —
שרייט איינער: — לויפט און לויט די ביכער
דעם חשבון שפעטער פירן מיר ארויס!
— דעם מינדסטער דערלייגט מיר, וואס מיר קומט אויף זיכער, —
א צווייטער טומלט פארט:
איך ריר זיך נישט פון ארט!
— און מיר קומט צוויי נאך צו דערלייגן! — טומלט איבער איינער:
דער חשבון איז דאך קלאר.
— ניין, ניין, עס איז נישט מסכים קיינער!
ווייל ווי אזוי, פארוואס, ווי קומט דאס אויס! —
פארגעסן, אז עס ברענט דאס הויז,
די לצים טומלען, רייסן זיך און קריגן,
ביז ס'טוט זיי א פארכאפ דער רויך און — אויס:
זיי בלייבן מיטן האב און גוטס פארשרפעט ליגן.

אין זאכן, וועלכע זיינען וויכטיקער פיל מיין,
טרעפט אלעמען דערהבאר דער אומקום גאר נישט זעלטן,
וואס שטאט אין אחדות קעגן אלגעמיינעם אומגליק שטיין,
רייסט יעדערער איין וועלטן
פאר דעם, וואס נוצלעך איז בלויז אים אליין.

דער וואָלף און דאָס שעפּסל

ביים שטאַרקן איז דער שוואַכער תּמיד שולדיק אומבאַדינגט.
מיט בײַשפּילן אַ שלל דערוועגן די געשיכטע רײַך איז,
נאָר מיר צו קיין געשיכטע האָבן נישט קיין שייכות,
איז אָט דערוועגן ווי דער משל קלינגט.

אַ שעפּסל, אין אַ טאָג אַ הייסן, איז צום טײַך געקומען
אַ טרונק טאָן, ווי אַן אומגליק האָט זיך דאָ אויף אים פֿאַרנומען:
אין יענעם קאַנט אַ הונגעריקער וואָלף גראַסירט אַרום.
דערזען דאָס שעפּסל — אויפֿן רויב אַ וואָרף זיך מיט אַ ברומען;
כּדי אָבער ס'זאָל אויסזען געזעצלעך און נישט־קרום,
צעשרײַט ער זיך: — ווי וואַגסטו, עזות־פּנים ווײַסטער,
די לויטערקייט, דעם בלאַנק
פֿון מײַן געטראַנק
קאַלויִצען מיט דײַן מאָרדע דער פּאַריסטער!
פֿאַר אָט אַזאַ מין עזותקייט דײַן קאָפּ
איך רײַס אַראָפּ!
— אויב ס'איז פֿון אײַער דורכלויכט, וואָלף, ס'דערלויבניש מיר געגעבן,
דערוועג איך זיך צו מעלדן: שטראָם־אַראָפּ איך שטיי, און הונדערט שפּאַן
פֿון אָרט ווו כ'טרינק צו אײַער דורכלויכט איז פֿאַראַן,
און איר באַוויליקט האָט אומזיסט צו בייזערן זיך, כ'לעבן,
איך קאָן נישט שמוציק מאַכן אײַך דאָס וואַסער אויף קיין האָר.
— קומט אויס — איך בין אַ ליגנער גאָר!
דו גאַרנישט, דו! צי איז עס אויף דער וועלט געהערט געוואָרן
אַזאַ מין עזות! איך דערמאָן זיך — זומער פֿאַראַיאָרן
האָסטו, אָט דאָ טאַקע, מיט עפּעס מיך באַטרעטן גראָב:
דאָס איז מיר, ליבער, נישט אַרויס פֿון קאָפּ!
— זײַט מוחל, כ'בין אַ יאָר אַ קנאַפּס קוים אַלט, נישט מערער, —
דאָס שעפּסל זאָגט. — איז דאָס געווען דײַן ברודער אויף געוויס.
— איך האָב קיין ברודער נישט.
— אַ גוטער־ברודער, צי אַ קרוב — איז;
בקיצור, עמעץ, וואָס צו דײַן משפּחה קער ער.
סײַ איר אַליין, סײַ אײַערע — די פּאַסטעכער און הינט,

איר ווינטשט מיר אַלץ בייז טאָג־טעגלעך
און שאַדנט מיר ווי נאָר און ווען ס'איז מעגלעך;
נו, כ'וועל זיך איצט מיט דיר צערעכענען פֿאַר יעדנס זינד!
— אַך, וואָס בין איך דאָ שולדיק?
— שווײַג! דו האָסט מיר שוין דערעסן,
מיר פֿעלט קיין צײַט נישט מער, ווי נאָר צו פֿאַרשן דײַנע זינד!
ביסט שולדיק שוין מיט דעם אַליין, וואָס חשק כ'האָב צו פֿרעסן. —
געזאָגט — און שלעפּט דאָס שעפּסל צו דעם טונקעלן וואַלד געשווינד.

גענדז

עס האָט אַ פּויער מיט אַ לאַנגער לאָזע צום פֿאַרקויפֿן
אַ הערטל גענדז אין שטאָט אַרײַן געפֿירט
און, וואָס אַן אמת, זיי מראַקטירט —
מע קאָן נישט זאָגן העפֿלעך בשום־אופֿן:
ער האָט נאָך פֿרײַ אויפֿן יאַרמאַרק זיך געיאָגט
(און ווען עס גייט אין אַ פּאַרדינסטל פֿון אַ גראָשן,
איז נישט בלויז גענדז, נאָר מענטשן ווערן אויך געהראָשן).
אַז ס'איז דער פּויער שולדיק וואָלט איך נישט געזאָגט.
נאָר זיי, די גענדז, גאָר אַנדערש טראַכטן,
און פֿאַר פֿאַרבײַגייער זיי שרײַען אויס
און זידלען אויף אַ קול אַן אויפֿגעבראַכטן
דעם פּויער: — ווי ס'איז אונדזער אומגליק גרויס!
דער פּויער — דורכאַנאַנד אונדז פּלאָגט ער,
ווי כלומרשט פּראָסטע גענדז אונדז יאָגט ער;
און דאָס באַרעכנט נישט דער תּם,
אַז כּבֿוד איז מחויב ער אונדז אָפּצוגעבן,
אַז אונדזער יחוס ציען מיר פֿון יענעם גענדזן־שטאַם,
וואָס איים צו דאַנקען רוים אַמאָל איז גאַנץ געבליבן;
מע פֿראַוועט דאָרט אַפֿילו פּייערטעג לכּבֿוד זיי!
— און זיי צוליב ווילט אויסגעצייכנט ווערן איר, ווי איך פֿאַרשטיי? —
זיי פֿרעגט אַ דורכגייער.

— די אָבות אונדזערע...
— דאָס וואָר איז,
איך ווייס, געלייענט אַלץ, נאָר, מאַכט מיר קלאָר עס,
אַ וואָסער נוץ האָט איר געבראַכט? כ'פאַרשטיי עס קוים.
— אַדאַנק די אָבות אונדזערע געבליבן גאַנץ איז רוים.
— נו, יאָ. נאָר איר אַליין וואָס האָט איר אויסגעטאָן געראָטנס?
— מיר זעלבסט? נאָר... גאָרנישט.
— וואָסזשע האָט איר פאַר אַ ווערט?
די אָבות — לאָזט זיי רוען אין דער וועלט פון שאָטנס,
דער כבוד זיי טאַקע געהערט;
און איר, ידידים, טויגט בלויז אויף געבראָטנס.

מע וואָלט געקאָנט דעם משל אויפקלערן נאָך מער —
נאָר אויפרייצן די גענדז? ווער טוט אַזעלכעס, ווער?

דער וואָלף אויפן הינט־הויף

אַ וואָלף איז צו אַ שאָף־שטאַל ביינאַכט געלאָפן,
נאָר אין אַ הויף פון הינט אַריינגעטראָפן.
טוט פּלוצעם זיך אַ הייב דער הינטישער דער גאַנצער הויף.
די הינט, דערשפּירט אַזוי נאָנט דעם מעדער־יונג דעם גרויען,
זיך רייסן צו געשלעגן און פאַרגייען זיך אין וואָיען.
— אַ גנב, יאַטן! — ליאַרעמען די הינטדינער אין לויף;
די טויערן פאַרריגלט ווערן באַלד דערויף;
אַ רגע, און דער הינטהויף — ווי אַ גיהנום ברענט ער.
מע לויפט: מיט אַ דובינקע ווער,
אַ צווייטער — מיט געווער;
מע שרייט: — גיט פייער! פייער ברענגט אַהער!
מע ברענגט. מיין וואָלף דריקט צו זיך אין אַ ווינקל, אַ דערקענטער;
מיט שטשירענדיקע ציין און אויפגעשטעלטע האָר
אָט, פרעסט ער, האַכט זיך, מיט די אויגן אַלע אויף און גאָר;
נאָר באַלד באַנעמט ער —

ער שטייט נישט פֿאַר קיין טשערעדע אין פֿעלד,
ער ווערט פֿאַר אַלע שאָף ליידן געשטעלט,
און ס'האָט זיך אונדזער ביטערער העלד
אַריינגעלאָזט אין פֿרידלעכע געשפּרעכן
און אָנגעהויבן: — פֿריינד! צו וואָס דער טומל און יאַריד?
איך בין צו אייך געקומען, אַ לאַנגיאָריקער ידיד,
אויף פֿרידן, נישט די פֿריינדשאַפֿט צו צעבּרעכן;
אָט לאָמיר איינשטעלן אַן אַלגעמיינעם שלום, פֿריינד!
נישט בלויז איך וועל נישט טשעפּען היגע שעפּסן שוין פֿון היינט,
כ'בין גרייט אַפֿילו גריזשען זיך מיט יעדן זייער פֿיינד,
און מיט אַ וואָלפֿן־שבֿועה איך באַשטעטיק, ווי באַלייטן,
אַז איך... — הער אויס אָקאָרשט, ידיד, —
שלאָגט איבער אים דער יאַגדלער אינדערמיט:
ביסט גרוי שוין, איך אָבער בין ווייס שוין און געניט,
איך קען די וועלפֿישע נאַטור פֿון לאַנגע צייטן,
און ס'איז דערום מיין מנהג: זשאַלעווען די קעל,
און פֿאַרן גלייכן זיך מיט וועלף זיך כאַפּן שנעל
אַראָפּשינדן פֿון זיי די פֿעל. —
און טוט אַ לאָז אויף אים די הינט פֿון אַלע זייטן.



אי. קראשיצקי

איגנאַצי קראַשיצקי איז איינער פון די באַרימטסטע פוילישע פּאָעטן און געלערנטע פון 18־טן יאָרהונדערט.

איגנאַצי קראַשיצקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַראָרעמטער שליאַכטי־שער פאַמיליע אין יאָר 1735. ער איז געווען אַ פעיק יינגל און זיך גוט געלערנט.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען נישט מער ווי 10 יאָר. דערנאָך האָט אי. קראַשיצקי געוווינט אין וואַרשע און געווען דאָרט אַ באַ־רימטע פּערזענלעכקייט. אין יאָר 1766 האָט ער אָנגעהויבן צו זיין טעטיק אויפן געביט פון ליטעראַטור. הגם די ערשטע צייט האָט ער ווייניק געדרוקט, זיינען שוין אָבער זיינע משלים און סאַטירעס שטאַרק פאַר־שפּרייט געווען אין כתב־יד. שפּעטער האָט אי. קראַשיצקי אָפּגעדרוקט אַ ריי ווערק. פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָס בעסטע פון זיינע שאַ־פונגען — די משלים. קראַשיצקי האָט זיך אין זיי אָפּגערופן אויף די נויטן פון דעם פוילישן פאָלק און די צייטלעכע פּאָליטישע געשעענישן פון דעם לאַנד. זיינע משלים האָבן געלערנט קינדער און יונגטלעכע, פּונקט ווי זיינע סאַטירעס זיינען פליסיק געלייענט געוואָרן פון דערוואַקסענע און עלטערע.

אין יאָר 1801 איז איגנאַצי קראַשיצקי געשטאָרבן.

דער טינטער און די פעדער

עס האָבן זיך צעקריגט דער טינטער מיט דער פעדער:
— דעם פרישן בוך האָב איך געשריבן! — האָט געטענהט יעדער.
אויף דעם איז אָנגעקומען דער מחבר און צעלאַכט זיך...
אַזעלכע טינטערס, פעדערס זײַנען דאָ אַ סך, מיר דאַכט זיך.

דער בושל, די פיש און דער ראַק

שוין אַ ביסל בלינד און לאַם געוואָרן,
ווי עס שיקט זיך אויף די אַלטע יאָרן,
און נישט קאָנענדיק קיין פיש מער פאַנגען,
איז דער בושל מיט אַזאַ מין כיטרע וועג געגאַנגען —
צוגעקומען צו די פיש און אײַנגערוימט אַנטשיידן:
— היט זיך! ס'גייען אויף אײַך ליידן. —
זײַנען גערן גלייך די פיש זיך צו דערוויסן,
וואָסער שרעק זאָל שטערן זיי די רו געניסן.
— נעכטן, פאַרן אויפגאַנג פון די שטערן,
איז מיר אויסגעקומען פון די פישער הערן:
„שוין־זשע איז עס נייטיק זיך אַזויפיל מיען —
כאַפּן אויף אַ ווענטקע, אָדער נעצן ציען?
בעסער ס'וואַסער פונעם סטאַוו אַרויסבאַקומען
און מיט הוילע הענט — די פיש פאַרנומען!
ס'וועט זיי באַלד אַרומכאַפּן אַ שרעק מסוכן,
ווי דער סטאַוו וועט ווערן טרוקן."
ברעכן אויס די פיש מיט אַ געוויין, און ווידער
רעדט דער בושל: — איך באַדויער אײַער אומקום, ברידער,
נאָר מע קאָן די צרה נאָך פאַרלויפן. איך וואָלט ראַטן,
אַז מע זאָל אײַך ערגעץ אַנדערש־וווּ באַשטאַטן.
ס'איז אַ צווייטער סטאַוו נישט ווײַט פאַראַנען,
זאָלט איר באַלד אַהין אַריבערקלייבן זיך פון דאַנען;

כאָטש עס וועט דער ערשטער טרוקן בלייבן,
וועט מען פונעם צווייטן אייך נישט טרייבן.
— טראַגישע אונדז אַריבער, — בעטן זיך די פיש דערשיטערט.
און דער בושל האָט מכלומרשט אַזש געציטערט,
און געלאָזט זיך פאַר דער זאַך געווינען —
זיך געשטעלט זיי דינען.
זיי גענומען מיט אַן אַנשטעל טראָגן מיטן שנאָבל,
און זיי איינעם נאָכן צווייטן אויפגעפרעסן נאָבל.
ערשט האָט אים פאַרגלוסט זיך אויך פאַחזורן חאַקעס.
איינער, זעענדיק — דער בושל טראָגט אים צו די קשאַקעס
און זיך אָנגעשטויסן: אָט-אָ נעמט ער און פאַרציקט אים —
טוט אַ כאַפּ אים פאַרן גאָרגל און דערשטיקט אים.
ס'פאַלט דער בושל טויט. אַזוי, רב פעטער,
אַפּט געשעט עס מיט פאַרעטער.

דער מענטש און דאָס מלבוש

איינער נעמט אַ רוט דאָס מלבוש אויסצושטויבן.
ס'מלבוש, זעענדיק דעם בראָך, האָט שרייען אָנגעהויבן:
— אַפּצודאַנקען האָסטו עס אַזאַ זכרון?
מענטש! גייסט שלאָגן דעם, וואָס פוצט דיך לאַנגע יאָרן?! —
זאָגט דער מענטש: — נישט שלאָגן, בלויז דיך אויסצושטויבן מיין איך,
האָסט פאַרשטויבט זיך נעכטן, וויל דיך מאַכן ריין איך.
זייַ־זשע מוחל, כאָטש דער אופן איז נישט איינגענומען:
בלייבסט דאָך שמוציק, אויב נישט שלאָגן; זאָל דיר ווויל באַקומען!

צוויי טשערעפּאַכעס

עס האָבן טשערעפּאַכעס צוויי פאַרמאָסטן זיך אין לויפן,
די כוחות אין געוועט געפּטרט אויפן בעסטן אופן.
זיי זיינען נאָך קיין האַלבן וועג נישט דורכגעלאָפן,
און — שוין אַוועק די צוישויער, די ריכטער שלאָפן.
— נו, מאַכט שוין בעסער שלום, — זאָגט צו זיי אַ שוואַלב פון ווייט:
און איידער לויפן, לערנט קודם, ווי מע גייט באַ לייטן.

דאָס עכברל און די מאַמע

עס האָט אַן עכברל געליובט די קאַץ און גוט געפילט זיך:
— די קאַץ איז איידל, מאַמע, מיט אַ מויז ווי פיין זי שפּילט זיך!
— ס'איז פאַלשע פרומקייט, — האָט די מאַמע זיך גענומען כעסן:
ס'איז דער דער גרעסטער אכזר, ווער עס צערטלט בעתן בייסן.

אַדאַם מיצקעוויטש

וועלט-באַרימטער פּאָעט,
קלאַסיקער פון דער פּוילישער ליטעראַטור
געבוירן אין יאָר 1798
געשטאָרבן אין יאָר 1855

פריינד

קיין וואָרע פריינדשאַפט איז אין לעבן היינט שוין נישט פאַראַנען.
אַ לעצטער ביישפּיל איז באַקאַנט מיר פון דעם קרייז אָשמיאַני.
ס'האָט ליעשעק זיך מיט מיעשעקן באַפריינדעט: דאָרט ווו איינער,
איז אויך דער צווייטער; מיינס איז דיינס; און — מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינער!

אַ ניסעלע געפונען — האָט מען וועגן זיי דערציילט זיך —
איז מיט זיין יאָדער גלייך אויף גלייך געטיילט זיך.
בקיצור, פריינד אַזעלכע, קאָן מען זאָגן,
ווי ס'וואָלט אין זיי דאָס זעלבע האַרץ געשלאָגן,
און איין נשמה וואָלטן זיי פאַרמאָגן.
נאָר איינמאָל, ווען זיי גייען אין אַ וואַלד שפּאַצירן
און וועגן זייער פריינדשאַפט רירנדיק אַ שמועס פירן,

וואָס מישט זיך מיט די קולות פֿון קוקאַוויקעס און וואָראָנעס,
טוט פֿלוצעם הינטער זיי אַ ברום אַ חיה מיט סכנות.
מיין ליעשעק — אויף אַ דעמב, און ווי אַ פֿיקהאָלץ שפּרינגט ער.
און מיעשעקן, וואָס קאָן נישט די מלאָכה, וואָס בלייבט איבער
צו טאָן? ער שטרעקט די הענט און בעט זיך: „ליבער!".
נאָר ס'איז זיין ליבער אויפֿן שפּיץ שוין, דורך די בלעטער ווינקט ער.
ס'באַוויזט נישט מיעשעק צו פֿאַרמרוישען פֿעסט די אויגן,
און ווערן בלאַס, און אויפֿן פּנים פֿאַלן אויסגעצויגן,
ווי ס'נעמט דער בער באַטאַפּן אים: אַ טויטער פֿלאָקן;
באַשמעקט ער אים און, לויט זיין אַראָמאַט דעם שלעכטן
פֿון לייט, וואָס האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן,
באַשליסט ער — ס'איז אַ ברימגן שוין נישט פֿון נעכטן.
ער ברומט און גייט אַוועק מיט עקל צו זיין וואַלד־געלעגער —
אַ בער אַ ליטווין איז נישט טועם פֿון קיין אַלטן פּגר.
ערשט איצט האָט מיעשעק אויפֿגעלעבט.
— ביסט שוין געווען אַ טויטער, —
אים זאָגט זיין פֿריינד: אַ נס — ער האָט דיך נישט צערראַפּעט.
וואָס האָט ער לאַנג אַזוי עס איבער דיר געסאַפּעט,
ווי אויפֿן אויער אַ געהיימניש דיר פֿאַרטרויט ער? —
און מיעשעק ענטפֿערט: — יאָ. אַ ווערטל פֿון אַ בערן־נאַרע —
„אַ וואָרן פֿריינד דערקענט מען נאָר בעת אַ צרה".

לייט אין פֿרייען פֿעלד

עס האָבן לייט געבויט אַ הויז אין פֿעלד אין פֿרייען —
פֿייגעלעך קריגן סאָוועס זיך מיט פֿרעש און שרייען.
אַ סאָווע זאָגט: — דאָס בויט מען דאָרט פֿאַר מיר די דירות.
אַ פֿראָש צעגענעצט זיך: — פֿאַר מיר! מע בויט פֿאַר מיר עס!
די מענטשן זאָגן — ס'פֿלעגן זיך אין חורבות האַלטן
די סאָוועס, און די פֿרעש — אין פֿוילע וועלט און שפּאַלטן:
און מיר — אַ ריינעם דיל און נייעם דאַך מיר בויען,
איז ווער וועט סאָוועס, פֿרעש אַן אָרט דאָ אָנגעטרויען!

גאָטהאָלד לעסינג

גרויסער דייטשער דיכטער און קריטיקער
אומדערשראָקענער קעמפער קעגן אומטאָלעראַנץ
און אַנטיסעמיטיזם
געבוירן אין יאָר 1729
געשטאָרבן אין יאָר 1781

אַ ראָב, וואָס האָט נאָכגעמאַכט אַן אָדלער

געהערט האָט ערגעצווו אַ ראָב,
אַז אָדלערס זיצן אָפּ
אַ קיילעכיקן חודש אויפן בריען.
— אויב וויים איך שוין, — האָט זי געטראַכט:
פאַרוואָס די קינדער, וועלכע זיי געבערן,
פאַרמאָגן אַט אַזאַ מין שוואַרצע מאַכט
ביים פליען
און קאָנען זען וויים אויש ביז די שטערן. —
און, נאָכגעמאַן דער אָדלערשער מעטאָדע,
האָט זי מיט גרויס התמדה
געבריט אַ חודש צייט, געשוויצט און זיך געמאַטערט

(האָט שיר האָם לעבן נישט דערביי געפּטרט).
נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך אַ פּוסטער חלום:
אַנשטאָט אַן אָדלער־דור
ארויסגעקראָכן איז פון אירע אייער בלויז אַ פּאָר
פּאַסקודנע ראָבן־מגוולים.

לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי

געניאַלער, וועלט-באַרימטער רוסישער שרייבער און דענקער
געבוירן אין יאָר 1828
געשטאָרבן אין יאָר 1910

דער הירש

דער הירש איז צוגעגאַנגען צום טייכל זיך אָנטרינקען. ער האָט זיך דערזען אין וואַסער און געפריים זיך מיט זיינע הערנער, ווי גרויס און צעצווייגט זיי זיינען. און אויף די פיס האָט ער אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— די פיס מיינע זיינען מיאוס און דין.

מיטאמאל איז ארויסגעשפרונגען א לייב און זיך געווארפן אויפן הירש. דער הירש האט זיך געלאזט לויפן איבערן פרייען פעלד. ער איז געלאפן און אריין אין א וואלד. ער האט זיך פארפלאנטערט מיט די הערנער אין די צווייגן, און דער לייב האט אים געכאפט.

ווען דער הירש האט געהאלטן ביים אומקומען, האט ער געזאגט:

— אט א נאר איך בין! די, וואס איך האב געהאלטן פאר מיאוס און דין, האבן מיך געראטעוועט, און צוליב די, מיט וועמען איך האב זיך געפרייט, קום איך אום.

די קוואקע און די הינדעלעך

א קוואקע איז אויסגעזעסן אירע הינדעלעך און נישט געוווסט, ווי אזוי זיי אפצוהיטן.

— קריכט אריין צוריק אין דער שאלעכץ, איך וועל מיך זעצן נעבן אייך אזוי, ווי כ'בין פריער געזעסן און וועל אייך היטן.

די הינדעלעך האבן געפאלגט, זיי זיינען געקראכן אין די שאלעכצן, אבער נישט געקאנט אריין און בלויז די פליגעלעך זיך צעקניטשט. דעמלט האט איין הינדעלע געזאגט צו דער מוטער:

— אויב מיר דארפן שטענדיק בלייבן אין דער שאלעכץ, וואלסטו בעסער אונדז נישט אויסגעזעסן.

דער מוק און דער לייב

א מוק איז געקומען צו פליען צום לייב און האט געזאגט:

— דו מיינסט, דו ביסט שטארקער פאר מיר? ס'הייבט זיך נישט אן! וואס פאר א גיבור ביסטו, וואס דו דראפעסט מיט די נעגל און בייסט זיך מיט די ציין? אזוי שלאגן זיך ארום די ווייבער צווישן זיך. איך בין שטארקער פון דיר. ווילסט, קום זיך שלאגן.

און דער מוק האָט זיך צעזשומעט און אָנגעהויבן בייסן דעם לייב אין די נאַקעטע באַקן און נאָז. דער לייב האָט זיך געשלאָגן מיט די לאַפּעס איבערן פּנים און זיך געריסן מיט די נעגל. ער האָט זיך צעריסן ביז בלוט דאָס פּנים און געבליבן אָן כּוח.

דער מוק האָט זיך צעזשומעט פון פרייד און איז אַוועקגעפלויגן.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם שפּינוועבס פון אַ שפּין, און די שפּין האָט אָנגעהויבן אים זייגן.

האָט דער מוק געזאָגט:

— די שטאַרקע חיה, דעם לייב, האָב איך באַזיגט, און פון אַזאַ נישטיקער חיה קום איך אום.

די קראָען און די טויבן

אַ קראָ האָט געזען, אַז די טויבן גיט מען גוט צו עסן, האָט זי זיך אָפּגעווייסט און איז אַריינגעפלויגן אין טויבנשלאַק. די טויבן האָבן אין אָנהויב געמיינט, אַז דאָס איז אויך אַ טויב און זי געלאָזט. אָבער די קראָ האָט זיך פאַרגעסן און זיך קראָיש צעשריגן. דעמאָלט האָבן די טויבן גענומען זי פּיקן און זי פאַרטריבן.

די קראָ איז צוריקגעפלויגן צו די איריקע, אָבער די קראָען האָבן זיך דערשראָקן, וואָס זי איז אַ ווייסע, און זי אויך אַוועקגעטריבן.

פון דער נייער יידישער משל־דיכטונג

ד"ר שלמה עטינגער

שלמה עטינגער איז געבוירן געוואָרן אין ווארשע אין יאָר 1801 אין א לומדישער און סוחרישער משפחה. זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן. שלמה עטינגער האָט זיך דערצויגן ביי זיין פעטער, וועלכער איז פאַר יענער צייט געווען א פראָגרעסיווער מענטש, און ער האָט אים געגעבן א וועלטלעכע דערציונג. ער האָט זייער פרי חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג שטודירן. אַנהייב 1830 האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, קיין זאמאָשץ, און זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק. אין דער פרייער צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור. הגם פאַר זיין לעבן איז גאָרנישט געדרוקט געוואָרן פון זיינע ווערק, זיינען זיי אָבער באַקאַנט געווען פון די אָפּשריפטן, וואָס זיינען אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דעם עולם זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן זיינע עפּיגראַמען און משלים. ער האָט געשריבן אין א ריינער יידישער שפּראַך, מיט א פיינעם פאָלקס־

טימלעכן און קינסטלערישן סטיל. דעם סיפור־המעשה פאר זיין משל האט ער אנטליען ביי פרעמדע משלים־שרייבער, ער האט זיי אבער ווי א מייסטער פאריידישט. און ביז היינט צו טאג איז שלמה עטינגער פארעכנט צווישן די בעסטע יידישע משלים־שרייבער. שלמה עטינגער איז אויך באוווסט מיט זיין דראמע „סערקעלע".

אין זיינע לעצטע יארן האט זיך שלמה עטינגער פארנומען מיט לאנד־ווירטשאפט.

אין יאר 1856 איז שלמה עטינגער געשטארבן.

דער בעל־הלוואה

א בעל־הלוואה איז גאר אין א קורצער צייט
געווארן א גרויסער אדיר, א גרויסער לייט.
מיינסטו, אז דורך שאכערן, גנארן און שווינדל־מלאכה?
ניין, ער שווערט בלי־השבועות, נאר דורך גאטס ברכה.
נו, מוז ער דאך באטש גאט זיין פרומקייט ווייזן,
אז ער האט בטחון גאר שטארק ווי אייזן,
אז גאט זאל זיין פרומקייט דערהערן
און אים נאך מער עשירות באשערן;
האט ער טאקע נישט געזשאלעוועט קיין געלט
און האט א גרויס הקדש אויפגעשטעלט.
ווי ער האט דאס הקדש פארטיק געמאכט,
איז ער געשטאנען ביי זיך און געטראכט,
ווי ער האט פאר גאט און לייט יוצא געווען;
האט ער זיינס א פריינד, א קלוגן יונג, דערזען:
— נישט וואר, — באריימט ער זיך: עס איז שיין און פיין?
ס'וועלן קענען גענוג ארעמעלייט אריין?
— יא, — זאגט דער קלוגער יונג: עס איז טאקע גרויס און שיין,
נאר איך מיין, עס וועט אלץ נאך זיין גאר צו קליין,
ווען עס זאלן דרינען די אלע פארשוינען,
וואס דו האסט בדלות געשטעלט, וועלן וווינען.

דער שליש

*

אויף אַ סאָסנע און אויף אַ בוק
זיינען געשטאַנען צוויי פייגל:
איינער האָט געהאַלטן קעז אַ שטיק,
און דער אַנדערער אַ בייגל.
דער פוקס איז געשטאַנען און געאַהערט:
ער וואָלט זייער גערן דאָס אויסגענאַרט.
— פע! — זאָגט ער צו דעם פון דער סאָסנע:
ווי קאָן מען עסן אַ בייגל גאָר פּאָסנע?
אַ בייגל איז טאַקע גוט איינדערפרי,
נאָר אַז מע האָט אַ שטיקל קעז דערצו. —
דערנאָך האָט ער צום אַנדערן געשמועסט
און האָט אים ווידער דעם קעז פאַרמיאוסט:
— קעז, זאָגט ער, איז אַן אומגעזונטע זאַך,
מע טאָר קיינמאָל נישט עסן קיין סך.
קעז איז נאָר גוט, אַז מע עסט עס אַ פּיצל,
און דאָס איז דער עיקר — נאָר דאָס שפּיצל.
ווייסט איר וואָס איך וועל אייך דערציילן?
איר זאָלט אייך ביידע מיט ביידע טיילן.
— ע! זאָגט איינער, איך וויל נישט אַזוי,
ער וועט זיך נעמען דאָס גרעסערע.
— ניין, זאָגט דער אַנדערער, אוי, אוי!
ער וועט זיך נעמען דאָס בעסערע.
— נו, הייבט אָן דער פוקס צו שמועסן:
איך וויל דערפון גאָרנישט געניסן;
איך קען אייך שווערן,
איך וועל אייערס נישט באַגערן;
איך וויל פון אייך נישט מיין,
נאָר איר זאָלט אויף דעם באַשטיין:
ליגט איר דאָ ביי מיר אַלץ איין,
און איך וועל אייער טיילער זיין. —
די פייגל האָבן שוין נישט מער געטראַכט,
נאָר האָבן דעם פוקס פאַר אַ שליש געמאַכט.

און ווי עס לויפט א פערד, געשטאכן מיט א שפּאָרן,
אזוי געשווינד איז זיך מיין פוקס אנטלאָפן געוואָרן
מיט דעם קעז און מיט דעם בייגל
און האָט אויסגעלאכט די נארישע פויגל.

צו פארלאָזן זיך אויף א דריטן
מעג מען תמיד ווייכן;
עס איז בעסער מיט גוטן
צווישן זיך צו פארגלייכן.

דאָס זעקל

אויס א שטיקל פון א ליוונטן פויערש קלייד
האָט עמעץ אמאָל א קליין זעקל אויפגענייט.
דאָס זעקל האָט אָנגעהויבן צו וואנדערן
צווישן מענטשן, פון איינעם צום אנדערן,
ביז עס איז אריינגעקומען אין דער האנט
פון א רייכן סוחר, א גרויסן שפעקולאנט;
דאָ האָט מען עס אָנגעשיט פול מיט געלט
און עס אין קאסטן אריינגעשטעלט.
נישט ווייט פון דעם זעקל, אקעגן,
גאָר אין א באזונדער פאך,
איז א קליין זיידן ביטעלע געלעגן
אויך מיט געלט, אָבער נישט קיין סך.
דאָס זעקל הייבט זיך אָן ביים בויך צו גלעטן
און אויס דעם ביטעלע נעבעך זייער צו שפעטן:
— דאָ זעטס נאָר צו פון אן עזות־פנים א עושר!
דו אביון! ווי קומסטו צו ליגן לעבן אַן עושר?
ווי קאָנסטו זיך גאָר פארגלייכן,
דו אָרעמאן, צו מיר, דעם רייכן!?
האָסט אפשר דיין אייגנס מויזנט גילדן,
און ווילסט נאָך, איך זאָל דאָס פון דיר דולדן

און דאָס לײדן שון דיר,
זאָלסט ליגן לעבן מיר?
דאָס בײטעלע האָט זיך נישט געװאָלט קריגן
און האָט ליבער דעם זעקל גאָר געשװיגן.
אַמאָל איז אָבער געקומען אַ צײט,
װי עס קומט אָפּטמאָל אױס בײ לײט
און װי עס טרעפט זיך אָפּט אין דער װעלט,
אַז בײדע זײנען געבליבן גאָר אָרעם, אָן געלט.
איצט האָט מען דאָס זײדענע בײטעלע גענומען
און עס באַהאַלטן אין קאַסטן אַרײן;
און דאָס זעקל איז װידער צו דער מדרגה געקומען —
צו דער, װאָס עס פלעגט פריער צו זײן.

הער מיך צו, ברודער! קוק נישט אױף געלט;
יחוס-עצמו איז דאָס בעסטע אין דער װעלט;
בעסער אַ געמײנער מאַן, אַבי אַ לײט,
װאָרן ליכטיקײט איז אַ סך ערגער װי זײד.

דער גילדן

אַ קינצלעך שײן באַנקצעטל,
געמאָלט גאָר װי אַ פּאָרטרעטל,
קריגט זיך מיט אַ גילדן אַ װײסן,
אַ גרױסן בעל-גאװה און אַ כעסן.
דער גילדן איז גאָר פאַר צאָרן
אַזש זײער בלײך געװאָרן:
— װאָס איז דאָס מיט דיר אַזױ די גרױס? —
שרײט דער גילדן גאָר שרעקלעך בײז:
װאָס פאַרגלײכסטו אַליין דיך מיט מיר?
דו ביסט דאָך פּאַרט נאָר אַ פּאַפּיר,
און װער איז געװען דײן מאַמע?
אַ פּראָסטע שטיקעלע שמאַטע. —

דאָס באַנקעצעטל ליגט אויף איין אָרט
און ענטפֿערט אים נישט קיין בייז וואָרט.
נאָר אַ רענדל איז צוגעקומען
און האָט זיך דערפֿאַר אָנגענומען:
— וואָס, זאָגט ער, זיין מאַטע איז געווען,
דאָס איז פֿאַרביי, דאָס איז שוין געשען;
דאָס אָבער וואָס ער איז אַליין .
האַרפּסטו, ברודער, צו פֿאַרשטיין.
איצט איז ער אַ סך מער ליט פֿון דיר,
באַמש ער איז נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר!

הערטס, מיינע ליבע לייט,
לייגטס דעם יחוס אין אַ זייט
און האַלטס דאָס איינע פֿאַר שיין:
דאָס וואָס דער מענטש איז אַליין!

דער חזיר, די שאָף און די ציג

אַ פּויער האָט אין שטאָט אַריין געפֿירט
אַ שאָף, אַ חזיר און אַ ציג צו פֿאַרקויפֿן
און האָט זיי מיט אַ שנור צונויפֿגעשנירט,
זיי זאָלן אויף דעם וועג נישט קענען אַנטלויפֿן.
איבער דעם גאַנצן וועג אין דער ברייט
איז זיך געלעגן דער חזיר צעשפּרייט,
און פֿאַר דער שאָף נעבעך מיט דער ציג
האָט אַ ווינקל אויך געמוזט זיין גענוג.
און כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ שלעכט אָרט,
האָבן זיי פֿאָרט גאָרנישט גערעדט קיין וואָרט;
זיי זיינען געזעסן שטיל, געשוויגן.
נאָר דער חזיר האָט זייער געשריגן;
ער האָט געגרעפּצט און געקוויטשעט,
געשוואַרגאַטשעט און געהיטשעט,

גלייך מע וואָלט אים ביי די אויערן געטאַרגעט,
אָדער גאָר מיט הונדערט פּאַלקעס געהרגעט.
די שאָף מיט דער ציג גיבן אַ פרעג:
— וואָס שרייסטו, חזיר, דעם גאַנצן וועג?
עס איז כ׳לעבן אַ חרפּה, אַ שאַנד,
מע לויפט זיך פון אַלע זייטן צונאַנד;
אדרבא, טאָמער קאָנסטו אונדז זאָגן,
מיט וואָס דו האָסט פון אונדז מיין צו קלאָגן.
— אוי, — שרייט דער חזיר: וואָס פאַר אַ פאַרגלייך!
אוי, ווי קאָנט איר פאַרגלייכן מיך צון אייך?
איר ביידע מעגט אייך גאָר רויק זיצן,
איר קענט דעם באַלעבאָס ביים לעבן ניצן;
דו וועסט אים מילך, און ער — וואָל געבן,
וועט ער אייך אַוודאי לאָזן לאַנג לעבן.
איך אָבער, פאַרפינצטערט איז מיין נויט;
איך קאָן אים ערשט ניצן נאָך מיין טויט,
וועט ער אַוודאי זיך גאָרנישט פאַרווײלן,
נאָר וועט מיך הייסן אויף דער שטעל קוילן.

קאַרגע לייט און חזירים
זיינען אַ פּאָר חברים;
מע האָט פון זייער גוטס
ערשט נאָכן טויט אַ נוץ.

א. ב. גאָטלאָבער

אײנער פון די אָנגעזעענסטע משכּילים-שרײבער. געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1811. געשטאָרבן אין יאָר 1899

ווי די חיות האָבן אויסגעקליבן אַ מלך

ווי די חיות האָבן אַ מלך געדאַרפט,
האָט זיך תּיכּף דער אײזל די צײן געשאַרפט:
— איך! — זאָגט ער: בין צו דער מלוכה געבוירן,
ווײל איך האָב לאַנגע אויערן.
ווײס איך? דוכט זיך, ווי מיר געפעלט,
איז קײן גרעסערע מעלה נישטאָ אויף דער וועלט.
ווער עס קאָן צום ווײטסטן הערן,
דער דאַרף אַוודאי מלך ווערן.
— נײן! — רופט זיך אָן צו אים דער בער:
אויב דו האָסט נישט קײן מעלה מער,
נאָר וואָס דײנע אויערן זײנען לאַנג,
גײ־זשע, איך בעט דיך, גײ דיר דײן גאַנג,
וועסט נישט זײן קײן מלך בײ אונדז,
לאַנגע אויערן איז נישט קײן קונץ!

איך וועל דיר זאָגן דעם אמת אינגאַנצן —
מלך קאָרף זיין ווער עס קאָן ט אַ נ צ ן!
— שאַ! טוט אײַנמיטנדרינען אַ קלאַפּ
אַ שיינגעהערנערטער, באָרדאַטע צאַפּ:
אַ באָרד מיט הערנער — אָט דאָס איז אַ זאַך!
אַזעלכע חיות זיינען נישטאָ קיין סך.
איר זאָלט, ליבע חיות, אויס מיר נישט לאַכן,
מיך אַליין דאַרפט איר פאַר אַ מלך מאַכן.
— לאַנגע האָר, קורצער שכל, —
רופט זיך אָן די קאַץ מיט אַ שמייכל:
נישט אין דער באָרד ליגט דער כוח,
דער עיקר איז דער שכל, דער מוח,
און דאָס פאַרמאָג נאָר איך אַליין,
אַזוי ווי איך בין מיר דאַכט זיך קליין.
— האַוו, האַוו! — הייבט אָן שרייען אַ הונט —
און די קאַץ איז אַנטלאָפן געשווינד:
איך בין דער הונט, — הייבט ער אָן צו זאָגן,
וואָס איך האָב מיר פון אייביק אָן נאָר צו קלאָגן,
איך בין איטלעכן געטריי מיט דעם גאַנצן לעבן,
און מיר וויל מען אַפילו קיין שטיקל ברויט נישט געבן.
נאָר איך בין צופרידן מיט מיין שטאַנד
און זאַמשעפּע נישט קיין פליג אויף דער וואַנט.
— ניין! — זאָגט דאָס פערד: איך וואָלט גערן געשוויגן,
איך קאָן אָבער נישט ליידן, אַז מע זאָגט אַ ליגן.
נאָר אָפּ אַ נאַר, אָבער נישט דעם קלוגן,
איטלעכער ווייסט, אַז אַ הונט כאַפּט פליגן.
— נו, פטור, — ענטפערט דער הונט:
אַזאַ ליגן איז אויך אַ זינד?
צום דאַנק האָסטו מיך פאַר אַ ליגנער געמאַכט,
דערפאַר וואָס איך היט דיך פאַר גנבים אַ גאַנצע נאַכט.
— אַ שיינעם דאַנק דיר, מיין טייערער וועכטער! —
רופט זיך אָן דאָס פערד מיט געלעכטער:
קאָנסטו נישט ווייסן וואָס מיר קומט אַרויס,
אַז איך שטיי ביים באַלעבאָס, אָדער ביים גנב אין הויז?
ביידע גיבן מיר נאָר האָבער און היי,

און ווער עס שמייסט מיך — טוט מיר אַלץ וויי. —
דאָ דערזעט מען אַ לייב אַ שיינעם זיך שטעלן.
אין אויגנבליק איז ער אַלע געפֿעלן.
ער האָט אַ גענעץ געטאָן און אַ בליץ מיט די אויגן
און האָט זיך די גלידער אויסגעצויגן,
און מיטאַמאָל האָט עס געטאָן איז וואַלד אַ קלונג,
און אַלע חיות, ווי מיט איין צונג,
האָבן געשריגן זייער פֿרייליך:
„יחי המלך! יחי המלך!
דער לייב זאָל לעבן, דער קיניג פֿון וואַלד!"
און אַלע האָבן אַנידערגעקניט באַלד
און האָבן געשוווירן און געפֿרייט זיך דערביי
דעם לייב דעם מלך צו זיין געטריי. —
אויפֿן לייב האָט זיך קיינער נישט צו קלאָגן...
אַבי ער האָט נישט קיין הונגער אין מאָגן.

אַזוי גייט עס אין דער וועלט תמיד ביי לייטן:
מעלות שיטן זיך פֿון אַלע זייטן,
איטלעכער זאָגט, ער קאָן אַלצדינג,
איטלעכער וויל זיין אַ ווילער יונג,
אַז עס קומט אָבער אין אַ נויט, אין צרות,
טויגן זיי אַלע אויף כּפּרות.

דער אָרעמער עושר

„ניצט עס עפּעס, לאָמיר זיך נישט נאַרן,
צו זיין אַ נגיד און תמיד צו דאַרן,
נאָר דאָס געלט צונויפֿצושאַרן?
און צו וואָס? שטאַרבן און לאָזן געלט,
אַבי זיך אָנמוטשען אויף דער וועלט,
און נאָך דעם טויט נאָך פֿון לייטן
די גרויסע חרפּות און בושות צו האָבן,

מע זאָל אויפֿן קבֿר מיט די פֿינגער טייטן:
„אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן!" —
ניין, ווען גאָט זאָל מיר באַשערן עשירות,
וואָלט איך נישט געזשאַלעוועט קיין געלט אַ סך,
און וואָלט געוווינט אין טייערע דירות,
און וואָלט געוויזן, אַז איך בין רייך,
איך וואָלט מיר תּמיד סעודות־פּורים געמאַכט,
און וואָלט געלעבט און וואָלט געלאַכט.
איך וואָלט מאַכן, פֿאַרוואָס נישט, כלעבן,
די אָרעמעלייט אויך געגעבן". —
אַזוי שמועסט אַמאָל אַ קבצן, הונגעריק און קראַנק,
ליגנדיק אין אַ שטיבל אויף אַ האַרטער באַנק.
און ווי ער רעדט אַזוי צו זיך אַליין,
דערזעט ער פּלוצעם עמעצן שטיין,
אַ טייל זאָגן אַ כּישופֿמאַכער,
אַנדערע מיינען נאָך גלייכער,
אַז דאָס איז מאַקע דער רוח געווען:
— יאָ, ווילסט, — זאָגט ער: רייך ווערן,
איך וויל דיר העלפֿן גערן.
נעם דאָס בײַטעלע, קוק נאָר אַהער,
איין רענדל איז דרינען, נישט מער,
נאָר אַז דו וועסט עס אַרויסשאַרן,
וועט שוין דאָרט אַן אַנדערס אַרן.
דו קאָנסט אַזוי שאַרן נאָר פֿאַמעלעך,
ביז דו וועסט ווערן רייך ווי אַ מלך.
נאָר דאָס באַשווער איך דיך בײַ דײַן לעבן,
דו זאָלסט דערפֿון נישט אַ רענדל אויסגעבן,
מעגסט אַפֿילו ווי אַ מלך זײַן רייך,
ביז דו וועסט נישט דאָס בײַטעלע אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך. —
ער האָט אָפּגערעדט און איז פֿאַרשוווּנדן,
און דער קבצן האָט דאָס בײַטעלע אויפֿגעבונדן.
פֿאַר שמחה איז אים שיִער די נשמה אַרויסגעפֿלויגן,
ער האָט נישט געגלייבט זײַנע אייגענע אויגן.
בײַ זיך אין האַרצן האָט ער געטראַכט:
ווער ווייסט? אפֿשר האָט זיך מיר נאָר אַזוי געדאַכט?

נאָר ווי באַלד ער האָט דאָס רענדל אַרויסגענומען,
האָט ער שוין געזען אַ גוטן סימן,
אַז דאָס איז נישט קיין חלום, נישט קיין ליגן,
און בייטעלע איז שוין אַן אַנדערס געליגן.
ער נעמט אַרויס דאָס אַנדערע געשווינד,
און פֿרייט זיך ווי אַ קליין קינד,
עס ליגט שוין דאָרט אַ רענדל ווידעראַמאָל,
און אַזוי ווייטער, גאָר אָן אַ צאָל.
„נאָ, טראַכט ער, היינט וועל איך אַלצדינג פֿאַרגעסן,
איך וועל שוין היינט נישט טרינקען, נישט עסן,
איך וועל אָנשאַרן ביז מאָרגן רענדלעך אַ סך,
מאָרגן וועל איך שוין זיין זייער רייך,
איך וועל שוין מער קיין געלט נישט דאַרפֿן,
וועל איך דאָס בייטעלע אין טייך אַרײַנוואַרפֿן.
דעמאָלט וועל איך שוין קענען רירן פֿונעם געלט,
און וועל אָנהייבן צו לעבן אויף דער וועלט!"
די גאַנצע נאַכט
האָט ער די צייט פֿאַרבראַכט.
דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך איבערגעקלערט:
„אַז גאָט האָט מיר יאָ אַזאַ גליק באַשערט,
נאָך וואָס זאָל איך עס פֿאַרשפּילן אומזיסט?
איך קאָן דאָך נאָך אָנשאַרן געלט ווי מיסט!
איך וועל בעסער נאָך ליידן הונגער און נויט,
איך וועל נאָך אַ טאָג נישט עסן קיין שטיקל ברויט,
אַקעגן וועל איך מאָרגן זיין אַזוי רייך,
אַז קיינער וועט מיר נישט קענען זיין גלייך.
איך וועל מיר טייערע פֿעדלעך קויפֿן,
איך וועל אָנהייבן אויף דער וועלט אַרומלויפֿן,
און די גרויסע שטעט וועל איך פֿאָרן,
און אומעטום וועל איך מיר מאַכן קאָנטאָרן.
לעת־עתּה וועל איך נאָך עסן אַ סעכער אַ דאַרן,
און וועל ווייטער רענדלעך שאַרן".
ער שאַרט נאָך אַ טאָג, עס גלוסט זיך אים נאָך,
עס גייט שוין אַוועק אַ גאַנצע וואָך;
ער האָט שוין אַלע טעפּ אָנגעשיט פֿול,

עס איז נאָך אַלץ נישט וויפֿל ער וויל.
דאָס ביטעלע אַוועקוואַרפֿן טוט אים באַנג.
קורץ, וואָס וועל איך אייך דערציילן לאַנג,
ער האָט אַזוי לאַנג געשאַרט און געשאַרט,
און האָט געהונגערט און געדאַרט,
ביז ער איז געוואָרן דאַר ווי אַ פֿינגער,
און איז טאַקע אַזוי געשטאָרבן פֿאַר הונגער
אינעם אייגענעם שטיבל, אויף דער אייגענער באַנק,
ווו ער איז פֿריער געלעגן קראַנק;
און אינמיטן ציילן און נאָך פֿאַרלאַנגען
איז אים די נשמה אויסגעגאַנגען.

און דאָס געלט? ווייסט איר, וואָס איז געוואָרן דערפֿון?
זיינע קינדער ברענגען עס צינד אויס
אויף פֿערד, אויף קאַטשן, אויף טייערע קליידער,
אויף וואַסער טרינקען און אויף בעדער
(עס זאָל אייך גאָרנישט קשה זיין,
וואַסער קאָסט היינט מער ווי וויין).
פֿונעם רוח איז דאָס געלט געקומען,
און דער רוח האָט עס באַלד אַוועקגענומען.

י. ל. פרץ

קלאסיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור

געבוירן אין זאַמאָשטש אין יאָר 1852

געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1915

די פרומע קאַץ

דריי זינגפייגעלעך זיינען געווען אין שטוב, און אַלע דריי, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכטגעמאַכט.

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט-יידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילכדיקס, און ערשט אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פלייש, כשר מייזן־פלייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פרעסער מוען, נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס

מייזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי זאָגן — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט.

אַז מע האָט איז שטוב אַריין דעם ערשטן זינגפויגל געברענגט, האָט זי אויפ׳ן באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי: אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע זאָל קיין עולם־הבא נישט האָבן!

— און עס קאָן קיין עולם־הבא נישט האָבן! — איז זייבער די קאַץ — ערשטנס, וואַשט זיך עס דיימשעריש, מיטן גאַנצן לייב און שיסעלע וואַסער... צווייטנס, אַז מע האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה־רעה. כאָטש אַ יונג זיס און פיין זינגפייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט ווי פון שלחן-ערוך!

היינט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופייפן און דאָס קוקן גלייך אָן שום דרך־ארץ אין הימל אַריין! דאָס רייסן זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסן? צי האָט נאָך אַמאָל אַ קאַץ אַזוי געפייפן?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פרומע האַרץ אין דער פרומער קאַץ: עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טייערע נשמה, אַ פונק פון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם־הזה דעריבער — אַזוי לוסטיק, דער יצר־הרע אַזוי שטאַרק... ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַקעגנשטעלן דעם שרעקלעך־גרויס יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, און זי איז אַרויפגעשפרונגען אויפן טיש, ווו די שטייג מיטן זינגפייגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

מע האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעק נעמט זי אָן פאַר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יעמערלעכן על-חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...
די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַר וואָס מע האָט זי געשלאָגן... מער וועט זי אויף קיין שלעק נישט פאַרדינען...
מע האָט זי געשלאָגן — פאַרשטייט די קאַץ — דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב; ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטעך זיינען געבליבן פלעקן פון בלוט...
אַזאַ פסח מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן...
און — אַז מע האָט דעם צווייטן זינגפויגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מע האָט די קאַץ געשמיסן...
אַצינד ערשט האָט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...
דער סוד איז, אַז מע טאָר נישט טייטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין... אַז נישט מיט אַרבע-מיתות-בית-דין פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!
מע דאַרף מחזיר-למוטב זיין, מוסר זאָגן, צום האַרץ רעדן!
אַ קאַנאַרעק אַ בעל-תשובה קאָן קומען צון אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!
און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אוים אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אוים בלוט פאַרגיסן!
רחמנות, רחמנות און נאָכאַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַרעק!
— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציִשן האַלדז: זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!
— איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיר אפילו נישט אָנרירן!
— דו שווייגסט? זייער גוט! צאַפּל, צאַפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא-עולם צאַפּל, פאַר זיין ליבן נאָמען!
— הלוואי זאָלסטו שוין אַזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...
— איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מיין פרומע נשמה וועל איך הויבן

אויף דייך שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת-שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!
און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...
און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —
נאָר דער קאַנאַרעק קען אין דער קאַץ־לופט נישט עטעמען —
עס האָט אים דערשטיקט!



רב מרדכילע (חיים טשעמערינסקי)
אַ פילזויטיקער שרייבער, באַזונדערס באַרימט ווי אַ משל-שרייבער. געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1862 געשטאָרבן אין יאָר 1917

חנפענען און גנבענען

אַ הונגעריקער רעבל
דערטאַפּט אַמאָל צו זיך אין שנעבל
אַ כשרע מציאה, אַן אַנבייק —

קעז אַ שטיק;
פֿעט און ווייך,
וועדעמדיקלעך אויך
און אַ ריח אויף אַ מייל.
מיינעם גלייבט זיך קוים —
אַזאַ הצלחה!
ער כאַפּט אַרויף זיך אין געאייל
אויף אַ הויכן בוים,
פֿאַרטראַכט זיך נאָך אַ ווייל
און וויל שוין מאַכן דאָ די ברכה —
מעשה־שטן לויפֿט דאָרט דורך אַ פֿוקס;
ווערט אַ בעלן
אויף דעם פֿעטן ביסן
און טאַקע באַלד געפֿאַלן
אויף אַ המצאהלע אַ קלוגס:
ער שמעלט זיך אָפּ און מאַכט אַ קניקס
און הייבט אַזוי אָן זיס צו שמוסן:
— אוי, נשמה טרייע,
ביסט שיין, מחיה,
אַ זעלטנהייט צעווישן אַלע פֿייגעלעך, קיין עין־הרע;
ליבע קראָע,
האָסטו אַ פּאָר פֿליגלען בלאָע,
דערצו נאָך אַ פּאָר אייגעלעך — אַ הימל מיט צוויי שטערן!
היינט אַ העלדזעלע, אַ גיידער,
יעדעס אבר, יעדער פֿעדער, איבלעבס פּיצעלע כסדר —
קיין בייז אויג זאָל דיר נישט שטערן —
אָפּגעמאָקט,
ווי אַ ליאַלקע.
טאַקע ווי דאָס ווערטל זאָגט:
„שוואַרץ ווי אַ האַלקע
און חנעוודיק, ווי אַ בת־מלכה"!
איך מעג הייליק שווערן,
געווים איז אויך דיין קעלע,
דיין שטימע — גאָר אַ פּלא,
אַ הילכיקע, אַ העלע,

לויטער זילבער־קלאַנג!
לאָז זיך נאָר נישט בעטן לאַנג,
לאָז מיך הערן דיין געזאַנג!
און ביסטו ביי דיין הדרת־פּנים
אויך אַ שטיק יודע־נגן —
ווי איך האָף, מיט אַלע תּגין —
אַ כּפּרה אַלע קאָר־חזנים!
איך שווער ביי מיינער זעלע,
עס ווערט אַזאַ מין קעלע
אויסגעקליבן באַלד
פאַרן אויבער־חזן דאָ אין וואַלד! —
מיינער שמעלצט זיך דאָרטן אַלץ,
דער נאַר
טוט אים אַ שפּאַר
אַזש ביז צום האַלדז,
ער גיט אַ קראַקע מיטאַמאָל
אויף אַ ווילדן מיתה־משונהדיקן קול,
עפּנענדיק אַ געמבע גאָר אַ ברייטע,
ווי אַ רעכטער חזן־שוטה,
און בלייבט שטיין טויט, ווי אַלע טויטע:
דער קעז אַרויס פון מויל!
דאָס פּיקסל איז נישט פויל —
כאַפּ־לאַפּ און פּליטה.

איר פרעגלט זיך, רב קרוב,
און שמייכלט זיך בנעימות,
אַז יענער מאַכט פון אייך אַ צימעס —
איך בין אייך ערב,
אַז זיין גאַנצער צוועק
איז כאַפּן דאָ אַ לעק.

משיחס צייטן

אויף אַ בוים אַ הויכן שטייט
אַ גאָלאָגאָנער האָן און קרייט,
גאָרגלט, דרייט,
ווי אַ חתן־בחורל אַן אָפּגעאַכטער
ציט אויף זיבן קלאַפּטער
אַ שלשלת אין אַ מפטיר.
אונטן לויפט אַ פוקס פאַרשמאַכט
און טראַכט:
„אוי, כפרה שיינע,
ריינע!
ווי מעסט מען דיר דאָ אַן אַ מיצל,
זאָלסט פון מיר נישט ווערן ניצול?
כלעבן, עס איז דאָ אַ שפּיצל:
דעם יצר־הרע מאַן אַ קיצל!"
ער שטעלט זיך אָפּ,
שניידט אוים אַ צורה מיט משוגענע העוויות
און מוט אַ זאָג:
— געזען אזא פּגירה?
שטייט און זאָגט זיין פּרק־שירה,
און ווייסט נישט פון זיין חיות!
מזל־טוב דיר מיט אַ נייעס!
הער נאָר, שוטה, און צעקיי עס:
ס'איז געקומען שוין משיח,
און איך בין זיינער אַ שליח,
לויף אָנזאָגן די גוטע בשורה:
שלום אַלע עופות, חיות,
אוים מיט בלוט פאַרגיסן!
מעגסט אומיסטן טאָן אַ בליק,
וואָס טוט זיך דאָרט אויף דער פאַפירנער בריק.
דעם מלך דודס פּילד־סמיק
שפּילט אַ פריילעכס, און די חברה־לייט הוליאַקעס
טאַנצן עס קאַזאַקעס:

א לעמפערט מיט א ביק,
א לייב א מלכות מיט א ציג;
נישטא אמאלעדיקע יארן,
אוים נעגל און אוים ציין!
קום, איך וועל דיך דארטן צונויפפארן
מיט דער אדלערקע אליין...
וואס קוקסטו עס אויף מיר מיט צארן?
טראכסט מיכוח מעגן, טארן?
צי מיר נאר נישט פארן צונג:
איך קאן דיך פאר א פיינעם יונג —
גיכער גיב א שפרונג!...
וואס זאגט איר צו דעם גולם?
דארט ווארט אויף אים דער גאנצער עולם,
און ער דא שטייט און קראצט דעם קאם! —
מיינער מאכט זיך כלומרשט תם
און גיט א זאג גראם-שטראם:
— זע נאר העט וויט דארט,
ווי ס'לויפט א דארער כארט,
און הינטער אים געשווינד
א גאנצע טיטשקע הינט,
אוודאי צוויי מנינים,
אויך א יעגער מיט א ביקס —
העריזשע, ליבער פוקס,
מיינס אן עצהלע א קלוגס:
זיי לויבן דאך אפנים אויך מכוח די ענינים,
זייזשע אזוי גוט
און ווארט א פאר מינוט
ביז זיי קומען אן אהער די מחותנים
גייען מיר צוזאמען אויף קבלת-פנים. —
יענעם דארט געפעלט נישט שטארק די עצה —
איז א כאפ די פיסלעך אויף דער פלייצע
און הלך הענדום
פענדום.

ש. אנסקי (שלמה זאנוול ראפאפארט)

געבוירן אין רוסלאנד אין יאר 1863. געשטארבן אין ווארשע אין יאר 1920. זיין קבר געפינט זיך צוזאמען מיט י. ל. פרץ און י. דינעזאנס אין „אוהל-פרץ"

דאס גלאז און דער שפיגל

איינער א בארימטער גביר, וואס איז גלייכצייטיק אויך באוווסט געווען מיט זיין קמצנות, איז אמאל געקומען צו א בארימטן יידישן חכם. דער חכם האט דעם גביר זייער נישט גערן אויפגענומען. דער גביר האט זיך געוווּנדערט אויף אזא אויפנאמע, און ער האט וועגן דעם געפרעגט ביים חכם אליין.

— קומט, — האט אים דער חכם אנגענומען ביי דער האנט און צוגעפירט צום פענצטער: אט וועל איך אייך דערקלערן. קוקט ארויס אינדרויסן. וואס זעט איר דארט?

— איך זע מענטשן, — האט אים דער גביר געענטפערט פארחידושט.

— און איצט קומט אהער, — האט אים דער חכם אפגעפירט פון פענצטער צום שפיגל אין צימער: קוקט אריין אהער — וואס זעט איר?

— איצט זע איך זיך אליין! — האט דער גביר געענטפערט נאך פארווּנדערטער, וואס דער חכם שטעלט אים אזעלכע פשוטע פראגעס.

— נו, זעט איר! — האָט דער חכם אויסגעפירט: דאָס פענצטער איז גלאָז, און דער שפיגל איז גלאָז. נאָר דאָס גלאָז פון דעם שפיגל איז אויף דער צווייטער זייט אָפּגעזילבערט... ווי באַלד נאָר אָפּגעזילבערט, הערט מען שוין אויף צו זען מענטשן, נאָר מע זעט בלויז זיך אַליין.

מער האָט שוין דער גביר נישט געפרעגט: ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער נמשל צו דעם משל איז טאַקע ער אַליין.

יהואש (יהואש שלמה בלומענגאַרטען)

דיכטער און משל-שרייבער. דער איבערזעצער פון תנ״ך אויף יידיש. געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1871 געשטאָרבן אין אַמעריקע אין יאָר 1927

די רעגנטראָפּנס און דער פעלדז

פון רעגנטראָפּנס האָט דער פעלדז געלאַכט:
— איז טאַקע אמת, אַז איר וואַגט צו דענקען,
אַז ס'ליגט אין אייער מאַכט
אַראָפּצושווענקען

אַ טייל פון מ ה,
וואָס לאָך זיך אויס
פון שטאַרקסטן שטורעמס ברויז
און בין אַזוי מאַסיוו געבויט,
אַז קיינמאָל האָט אַפילו נישט דער בליץ
געלאָזט אַ קריץ
אויף מיין פאַרהאַרטעוועטער הויט? —
די טראָפּנס האָבן שטיל דעם שטיין פאַרטרויט:
— ס׳האָט קיינער נישט פון אונדזערע ברידער
די מינדסטע האָפּט באַזונדער,
דאָך האָבן מיר מיליאָנען
לעגיאָנען,
און ווען מיר מוען היינט נישט אויף קיין וואונדער,
דאַן קומען מיר אויף מאָרגן ווידער
און הייבן אָן די אַרבעט פון דאָס ניי.
מיר פרעגן נישט, ווי לאַנג דאָס דאַרף געווערן,
און נישט — פיל יאָרן זיינען שוין פאַרביי,
און ווי דו זאָלסט זיך נישט האַרטנעקיק ווערן,
וועסט סוף־כל־סוף
נישט אויסמיידן די שטראָף,
און וועסט אַ קרבן פון די טראָפּנס ווערן.

דער שמאָלער שטראָם און דער פויער

אַ וואַסער־שטראָם אַ קלאָרער, ווי קריסטאָל,
נאָר זייער שמאָל,
איז דורך אַ פעלד געפלאָסן,
און ווער עס האָט געגאָסן
זיין קילן זילבערנעם געטראַנק,
דער פלעגט אים אָפּלויבן גענוג נישט קאָנען
און זייער לאַנג

זיין קוויקנדיקן טעם דערמאָנען.
דער אייגנטימער פון דעם פעלד,
א פראָסטער חי־וקים,
האָט אָנגעקוואָלן, וואָס די וועלט
זיך לאָבט מיט זיינע מים,
און האָט אזוי געקלערט:
„אויב ס׳האָט דער שטראָם אזא מין ווערט,
ווען ער איז בלויז די גרייס א שפאַן,
וואָלט זיין א גוטער פלאַן,
אים צו פארוואַנדלען אין א טייך".
און טאקע גלייך
האָט ער גענומען אויסגראָבן די ערד
און האָט געארבעט דורך די טעג כסדר.
נאָר דעמלט, ליידער,
האָט ער געהאָט חרמה —
ווייל פון דעם קליינעם שטראָם דעם קלאָרן
איז בלויז געוואָרן
א גרויסע, פלאַכע בלאָטע.

דער וואַלפיש ז״ל *)

די פישער־לייט
אין א געוויסן דערפל, ביי דער זייט
פון ים אוקינוס,
באַשערט געווען איז האָבן א סורפּריז
און קריגן אומדערוואַרטעטע מתנות:
א טויטער וואַלפיש, וועלכער איז
געווען מיט פיש־אייל אָנגעגאָסן,
און זיינע ביינער
באַטראָפן האָבן גרויסע סומען —
איז אויפן זאַמד אַרויסגעשווומען

---

*) זכרונו לברכה. ווערט אַרויסגערעדט: זאַל

זיי סאַמע צו די פּיס.
און ווייל ס'האָט יעדער איינער
גענאָסן
פון דעם געשטאָרבענעם לויתן,
געבליבן איז ביי קהל, אַז דער גוטער וואָלפיש ז"ל
אויף אייביק זאָל פאַרבלייבן אין זכרון
פאַר דער ירושה, וואָס ער האָט דעם כלל
געלאָזן נאָך זיין טויט.
פון דענסטמאָל איז ביי קינד און קייט
אין יענעם דערפעלע געוואָרן
דעם נפטרס נאָמען הייליק און פאַרערט.
און קיינער האָט זיך נישט באַקלערט
אַ פרעג זיך ווען־עס־איז צו געבן,
צי וואָלט ער אויך זיי פאַר זיין לעבן
פון זיין עשירות כאָטש אַ לעק געגעבן?

פון דער נײַסטער יידישער משל־דיכטונג

אליעזר שטיינבארג

אליעזר שטיינבארג איז געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער, סוחרישער־משפּחה, אין בעסאַראַביע, אין יאָר 1880. די ערשטע בילדונג אין דער רוסישער שפּראַך האָט ער זיך אַליין איינגעשאַפן. זייער פרי האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס לערער.

אין יאָר 1902 האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און משלים.

בעת דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 איז ער געווען איינער פון די פירער פון דער מאַסנבאַוועגונג. אין יאָר 1919 האָט ער אין טשערנאָוויץ אָנגעפירט מיט דער יידישער קולטור־טעטיקייט. צו יענער צייט האָט ער אַ סך געשאַפן און געדרוקט. ער איז זייער באַליבט געוואָרן ביי די יידישע מאַסן. דער עיקר האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע משלים. אין זיינע משלים באַקעמפט ער מיט שאַרפער איראָניע די צביעותדיקע מאָראַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיינע משלים צייכענען זיך אויס מיט

זייער שפּראַך, מיט זייער איינפּאַלערישקייט און דער עיקר מיט זייער קינסטלערישקייט. ביז היינט צו טאָג האָט נאָך קיינער אין דער יידישער משל-דיכטונג נישט איבערגעשטיגן אליעזר שטיינבאַרגן.

אין יאָר 1932 איז אליעזר שטיינבאַרג געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ.

דער קוש

יעדער האָט זיך זיינע תנועות און העוויות.
און רב ניסל שעיהס,
דער גביר דער שיינער,
ער געהאַט אַ טבע: תמיד נאָכן עסן
זיך ביים טיש געזעסן
און געצמאָקעט ביינער.
צמאָקעט ער אַ ביין אַזוי און נאָגט,
און דער ביין דערפריייט זיך און ער זאָגט:
— טעלער, שיסל, גרויס און קליין!
זעט נאָר, ווער סע קושט מיך! דער באַלבאָס אַליין!
גלעזלעך דינע,
רוקט אייך אָפּ, מחילה!
איר פאַר קנאה
קענט דאָך פּוקען נאָך, חלילה!
ווי ער צמאָקעט, לעקט מיך מיט די ליפּעלעך די רויטע!
— איי, דו שוטה, —
ענטפערט אים אַ שיסל:
וואַרט אַ ביסל,
ביז רב ניסל
וועט דעם מאַרעך דיר אויסנאָגן —
וואָס וועט איר, רב ביינעש, דעמלט זאָגן?

דאָס פערד און די בייטש

— אוי, סע זאָל שוין קומען א מפּלה
אויף רב פּיטל באַלעגאָלע,
דיין באַלבאָס דעם שיינעם,
און אויף דיר מיט אים איינעם! —
צו דער בייטש
זאָגט דאָס פערד:
סטייטש?
זיך אַזוינס געהערט?
זאָג, וואָס קומט דאָס מיך אומזיסט צו שלאָגן?
מיינסט, מיר גרינג צו שלעפּן אָט דעם וואָגן?
נו, און דאָס פאַרגעסן, אַז צום אַלעם ערשטן
מוז אין מויל איך נעמען כאָטש אַ גערשטן?
און פאַרוואָס נישט טאַקע האָבער?
אָבער —
גיי רעד צו א פּידזשעלע אַ גראָבער!
וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פּאָכן,
קאַטעוועז און שינדן פּאַסן!
ווידער?... איך געוואַלד וועל שרייען איבער אַלע גאַסן!
— שווייג! — אַ קנאַק די בייטש מיט שמייכלדיקער צונג:
אמת, זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אויף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויספּאַכן פון זיך די לונג;
נאָר דיך שלאָג איך —
הער, בסוד דיר זאָג איך! —
נישט דערפאַר, וואָס ווילסט ניט שלעפּן,
נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, נישט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען!

די באַרשט און דער קאַמאַש

קיש־קאַש!
ס'טאַנצט א באַרשט אויף א קאַמאַש!
שטאַרקער, שטאַרקער גייט דער טאַנץ
און אַלץ העלער ווערט דער גלאַנץ —
ס'איז צו קוקן א ציקאַווע!
דער קאַמאַש איז אָבער א בעל־גאווה:
אויף זיין פּיסל טראָגט אים דער גביר רב הענעך,
אַרט אים (נישט רב הענעכן, נאָר דעם קאַמאַש גאָר מיין איך),
ס'שטייט די זאַך נישט אָן אים.
ווער סע שפּרינגט אים דאָ אין פּנים!
נאָ דיר, נו! א באַרשט, וואָס וואַלגערט זיך
ערגעץ דאָרט אין קיך!
און ער שרייט מיט האַס:
— ס'איז דאָך, כלעבן, פון די בערשט ניט אויסצוהאַלטן!
זעט נאָר, ווי ער טאַנצט אין פּנים מיר, דער בחורעץ!
איי, וואָלט איך צו דר'ערד געטון מיט אים א זעץ
און אויף צווייען אים צעשפּאָלטן!
— זייט נישט ברוגז, רב קאַמאַש! —
ענטפערט אים די באַרשט: מה רעש?
אז דו קאָנסט אָן מיר נישט גלאַנצן,
מעג איך, ברודער, אויף דיר טאַנצן!

צוויי פייגעלעך

פרילינג אונדז געשענקט א טאָג, א גילדענעם, א גרויסן.
זעט: מיט טויזנטער קרישטאָלנע עמערס ער אין דרויסן
חיות, ליכט און פרייד צעגאָסן.
און צוויי פייגעלעך — וויי־וויי! — אין שטייגעלע פאַרשלאָסן!
פרעגט פאַר וואָס! אומזיסט־אומנישט!

ווייל מיט לידעלעך דאָס האַרץ געקוויקט, געפרישט!
שוין דעם אמת דען דער שוחט ווי אַ טייבעלע געשאָכטן?
שלעכט! פאַרפאַלן! אַז דאָס שטייגעלע פון דראָטעלעך געפלאָכטן!...
זיצט זיך איינס, דאָס עלטערע, הכנעהדיק און שטיל.
מילא, וועלן מוזן מען, ווי ס'איז מיגלעך, אַז נישט מיגלעך, ווי מע וויל.
דאָס ווייסט יעדער, ווער דעם קאָפּ אין אומגליק נישט פאַרלירט.
נאָר דאָס צווייטע — ווײַ, וואָס דאָס פאַרפירט!
וואָס פאַרעקשנטער די נויט, אַלץ אימפּעטן מער.
וואַרפט זיך, שפּרינגט אַהין, אַהער,
סע געפינט זיך נישט קיין אָרט,
רייסט זיך, בייסט די דראָטלעך דאָ און דאָרט,
פּיקט אין טירל — פּראָטעסטירט.
— פּיקהאָלץ! — זאָגט דאָס עלטערע, — וואָס נאַרישקייטן צו באַווייזן?
זעסט דאָך, שוואַך דאָס שנעבעלע, די דראָטלעך — אייזן!
גיי שוין, אומרו, גיי שוין אין דיין רו! —
נאָר די רו פון אומרו — אפשר ווייסט איר ווו?
קומט צו גיין די שיינע חלע און קוקט זיך צו.
זעט זי — מיר פּאַר איר בלאָ אייגעלע! —
ווי סע וואַרפט זיך, ווי סע רייסט זיך פונעם שטייגעלע דאָס פייגעלע.
דאַכט זיך איר, דאָס פּיצל מיטן שנעבל איר אין האַרץ אַ פּיק,
שפּרינגט זי — אַז מע שמוסט, אַ ווילדע ציג! —
און אַן עפן פונעם תפיסהלע די ריגעלעך!
ביידע ראַפּטעם אויסגעגלייכט די פליגעלעך
און — אין פרייען פעלד!
דאַרט זיך אויף אַ בוים געשטעלט,
און צום אומרו זאָגט דאָס שטילע:
— נו, געריכט זיך מיט אַ רגע פריער?
אָבער זאָג: געפילדערט איך ווי דו? געטון אַ פּיפּס אפילו?
און צי דען דער הימל נישט געהאָלפן מיר ווי דיר?
נו, באַדאַרף מען וויזוען? האַ? כדאי?
אַז באַשערט איז די ישועה, קומט זי סיי־ווי־סיי! —
נו, פאַרשטייט זיך, קומען קומט זי און זי מוז...
נאָר פאַרגעסט נישט, שטילינקע, אין וועמעס זכות!

די פלאַקסן און די קאַרטאָפלבלימלעך

אויף אַ שטיקל פעלד, אין שכנות
מיט אַ פשוטער משפּחה עמך־פלאַקסן,
בלויליך־ווייסע בלימעלעך געוואַקסן.
בלויליך־ווייסע — דאָס איז ראשית, והשנית —
קנעפּעלעך אין מיטן! קנעפּעלעך פון גאָלד!
און דערצו זיי נאָך באַשענקען גאָט געוואָלט
און אַ בערגעלע פאַר יעדן איינציקן באַשאַפן;
נישט דערנידערט — אויף אַ בערגעלע זאָל שטיין עס!
נאָר צו קוקן און צו גאַפן!
ווייסן זאָל די וועלט וואָס שיין איז!...
איז אַ חידוש, וואָס די בלימעלעך ביי זיך אַ ביסל גרוים?
מאַכט דאָס אָבער ביי די פלעקסלעך זייער אויס,
שפּרינגען, מיינע שונאים, שיר פון זיך אַרויס:
ס'טייטש? וואָס הייסט דאָס? שכנים,
אויסגעוואַקסן אויף איין פעלד אינאיינעם,
איינער און דער זעלבער רעגן זיי געבאָדן,
איינער און דער זעלבער הימל זיי געהיט פון האָגל און פון שאָדן
אין אַ בייזער שעה —
וואָס־זשע עפּעס גדלות דאָ?
הערט, איך בעט אייך: אַזאַ שפּילע, זיסע נאַכט,
עפּעס נעמט זיך בענקען, עפּעס הייבט אָן פעלן,
וויל אַ וואָרט זיך רעדן, צי אַ מעשהלע דערציילן —
און די בלימלעך גדלותדיק פאַרטראַכט,
גלייך קיין פלאַקסן אויף דער וועלט נישטאָ!
אַ פאַרדראָס!... באַקלאָגן זיך די פלאַקסן פאַר דער אַלטער גוטער קראָ.
— קראַ, קראַ, קראַ! — די אַלטע זיך צעלאַכט:
גרויסע מיוחסים איי'רע שכנים!
יאָ, נו!... איך באַרעד נישט קיינעם,
און מע טאָר נישט:
נאָר צעווישן אונדז גערעדט, בשתיקה —
וואָס? וואָס זיינען זיי דען? גאָרנישט! גאָלע גאָרנישט!
צי אין זייער זכות, וואָס מיינט איר, ציען זיי פון ערד יניקה?

ניין! אין זכות פון די קאַרטאָפלעך די אָרעמע, די שוואַרצע!
(טוליען וואָלט איך זיי צום הארץ צו!)
יענע, די פאַרגעסענע פון זון, פון הימל, און באַווייז!
נישט נאָר די יחסנימלעך — א וועלט צו שפּייזן!
— וואָס? אזוינע גוטינקע? ווו זייגען זיי, נשמה?
— ווו? אין דער אדמה!
און אויף יעדן — הערט! —
ליגט א בערגל ערד!

די שפּיז און די נאָדל

איינער (ראובן, שמעון, אָדער איקס)
קומט פון דער מלחמה מיט א שפּיז און מיט אַ ביקס
און שפּאַרט אַז זי אין קאַמאָדל,
ווו געשטעקט אַ דינע נאָדל.
„אָט אַ נאָדל, אָט אַ ריז! —
טראַכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפּיז:
קליידער מאַכט אַוודאי זי פון אייזן, צי פון בלעך,
און אויף גיך, מיט ריזנשטעך !
פאַר אַ גוג־מגוג מסתמא, צי אַזוי אַ ריז אַ גדול...”
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל:
„אָט אַ שפּיזעלע אַ שרעטל!
חידוש, וואָס סע לויפט זיך נישט צונויף דאָס שטעטל
אויף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אַזוי קאָמיש! נו, ווי מאַכט מען נישט מיט אים קיין שפּאַס?”
— זאָג מיר, ברודערל, נישט שעם זיך, אמת, וואָס מע שמוסט אין גאַס?
ביסט אַ פּייער! קומסט אין כעס, איז מסוכן!
מיטאַמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען, זיבן פליגן!
— שקר! — שרייט די נאָדל: ליגן!
איך קען שווערן דיר ביים מענטעלע פון ספר־תורה:
לייוונט שטעך איך, לייוונט! ס'איז אַזאַ מין סחורה...
— כאַ, כאַ! — שיסט די ביקס אויס אַ געלעכטער:

כאַ־כאַ, כאַ! ער שטעכט גאָר ליוונט! ליוונט שטעכט ער!
— וואָס־זשע ווילט איר? — פֿרעגט די נאָדל: איך זאָל שטעכן בלעך?

עך, עך,
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי, געוואַלד, איך האַלט נישט אויס! —
שרייט די ביקס: איך פּלאַץ! איך שיס!
— זייט מיר מוחל! — זאָגט די נאָדל: נישט געמיינט צום שלעכטן!
נישט קיין ליוונט, נישט קיין בלעך — איז וואָס־זשע שטעכט׳ן?
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן, — זאָגט די שפּיז. —
אָבער דאָ די נאָדל שוין גענומען לאַכן,
נאָך אַ לאַכן — אפשר לאַכט זי נאָך:
כי־כי, כי! און אַך־אַך, אַך! און אַך־אַך, אַך!
— שטעך איך, — זאָגט זי: ליוונט, מאַך אַ שטעכל נאָך אַ שטאָך,
ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מלבוש — זאָכן;
אָבער מענטש — שטעך היינט, שטעך מאָרגן אים, וואָס וועסטו פֿון אים מאַכן?!

די קאַץ און דער וווּרשט

מיט אַ יאָמער זיך די קאַץ אַרומגעטראָגן:
— מיאַו! מיאַו! מיאַו! די באַלבאָסטע מיך פֿאַרגעסן,
און די דינסטמויד מיך געשלאָגן!
איך בין הונגעריק, און עסן וויל איך, עסן!
און פֿאַר וועמען וויינען? און פֿאַר וועמען קלאָגן?
מיאַ, איך לאָז זיך אויס פֿאַר הונגער און פֿאַר דורשט! —
קומט אַקעגן איר דער בייכיקער, מיט פֿלייש געשטאָפּטער וווּרשט
און ער נעמט דער קאַץ זיך זאָגן מוסר
(אַז נישט העלפֿן, כאָטש אַ וואָרט איר זאָגן מוז ער).
— פֿע! סע פּאַסט נישט, זאָגט ער, פֿאַר אַ קאַץ צו וויינען! ניין, סע פּאַסט נישט!

הונגעריק? איז וואָס? און אַז אַ טאָג מע פֿרעסט נישט,
איז סכנות? בעסער, אַז מע עסט נישט!

ווער סע הונגערט, דער אין גאַנץ פאַרגעסט נישט!
ווו איז תשובה, אַז מע פאַסט נישט?
דאָס אַ תכלית דען: מיט פליש דאָס בייכעלע צו שטאָפּן?
זאַלץ און וואַסער, און אַ שטיינדעלע צוקאָפּן!
— מ...יאָ, נו, — זאָגט די קאַץ, איינדעסן
קומט דאָס נישט צו עסן...
דו גערעדט, איך שוין פאַרגעסן...
איך געדענק נאָר וואָס איך ליג אין בויך... אַזוי איך...
וואָס? אומשטיינס־געזאָגט אַ קאַץ... אַ מוח... —
וויל דער וורשט אַנטלויפן, כאַפּט זי מיט די ציין אים —
שלינגט די תורה איין מיט אים אינאיינעם.
איינגעשלונגען, אָנגעשטאָפּט מיט תורה און מיט וורשט דעם מאָגן —
צו די מייז אַוועק די קאַץ, זיי מוסר זאָגן.

שנאת־חינם

— האָרכסטו, יונה?
מ׳דאַרף באַצייטנס זען אַ קונה.
די בהמה איז פגירה.
מ׳ שטיינס געזאָגט די מילעך אירע!
אָפּגעדוכנט איבער איר שוין באַלד אַ שעה, צום לעצט —
דאַנקען גאָט, דאָס מעלקשעפל באַנעצט, —
מעלקנדיק איר אַלטע קו, געזאָגט האָט חיה־ביילע.
— קלוגע!
ווער איז דען משוגע
אָפּצוקויפן דיין נבלה? —
ענטפערט איר רב יונה: סיידן נאָר צום קלאַץ.
ווילסט, וועל איך אַ שמועס טאָן מיטן קצב זעליק קאַץ,
צי מיט שלומה חיים־יעשועס...
— שמועס! —
דאָס דערהערט די כשרה בהמה,
זי באַפאַלן מיטאַמאָל אַ פינצטערניש, אַן אימה.

— מאַמע מײַנע, רעװעט זי, װוּ ביסטו? מוטער מײַנע, מי זיך!
זע, דער חלף אױפֿן האַלדז! איך צי זיך אױס, איך צי זיך!
— שאַ, מײַן שכנה! —
זאָגט צו איר דער הונט רב נאַטקע:
ביסט שױן טאַקע גאָר אַ זקנה,
צײַט שױן, כלעבן, אין דער יאַטקע.
כ׳קום אַהין אָפּט שמעקן,
מיגלעך, איך װעל אױך אַ בײַנדעלע אָפּלעקן...
— שטום! דו כלב־שבכלבים, דו! —
מיט די לעצטע כּוחות יעכצט די קו:
דו, הונט, אױבעט? מילא,
אַז רב יונה און זײַן בײלע
גיבן איבער מיך צום קצב, דעם רוצח —
נישט קײן חידוש... דאָס פֿאַרשטײ איך...
ס׳קומט מיר... איך געדענק, מײַן מאַמע, זאָל זיך מיען,
פֿלעגט מיר זאָגן, װען מע פֿלעגט זי בײַ דער אײַטער ציִען:
נאָכטער, מעלקן איז אַן אַלעף,
תּאָװ — װעט זײַן דער חלף!
איז גערעכט רב יונה... יאָ, נו, װײל איך,
זאָג איך, דאָס איז פֿאַר מײַן מילעך:
אַלע יאָרן מיך געמאָלקן, איצטער פֿירט ער צו דער שחיטה.
אָבער דו, אַ פֿרעמדער כלב, אױך צו מיר אַ שליטה?
הערט, איר זאָלט געזונט זײַן, הערט!
מיט מײַן מילך אים נישט גענערט,
נישט געװען קײן פֿרײַנד אים, נישט איך בין אים,
און אַ שונא?! גאָט באַהיט פֿון שׂנאת־חינם!

ל. אַליצקי

פּראָזאַיקער. מחבר פֿון עטלעכע משלים-ביכער. געבוירן אין טריסק (וואָלין) אין יאָר 1897. די צווייטע וועלט-מלחמה איבערגעלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. וווינט אין פּוילן

דער שול־טאָוול און דאָס קריידל

דער שוואַרצער טאָוול פֿון דער שול
געוואָרן איז אַנומלט
(די שילער האָבן שטאַרק געטומלט)
צעמישט און דול
און מיטן קריידל אָנגעהויבן זיך צו קריגן:
— גענוג געשוויגן!
וואָס קריכסטו, ווייסער חברהניק, אַרום
אַהין, אַהער אויף מיר און גלייך און קרום
און מאַכסט מיך מעליק גאָר אינגאַנצן?
אַ! עק!
אַוועק
צו אַלדי ווייסע רוחות טאַנצן! —
דאָס קריידל שמייכלט ווייס

און, ווי אַ קלוגער גרייז,
רעדט שטיל עס און געלאַסן,
אָן בייזער און אָן שפּאַסן:
— הער, טאַוול, אויס.
וואָס קומט אַרויס
דערפֿון וואָס רעדסט מיט שוואַרץ אַליין?
דיין שוואַרץ-לשון וועט קיינער נישט פֿאַרשטיין.
קוים ווילסטו נישט בלויז רעדן צו דעם בוידעם,
דערלויב מיר קודם
פֿאַרשרייבן דיינע טענות ווייס אויף שוואַרץ,
זיי זאָלן זיך צום מענטש אין אויג דערקלייבן.
כ'שווער דיר ביי דער ווייסקייט פֿון מיין האַרץ —
יוי יענע וועלן פּסקענען, אַזוי וועט עס פֿאַרבלייבן.

קוים קאָנסטו אָן דעם חברס הילף זיך נישט באַגיין,
צו וואָס-זשע זאָלסטו קעגן אים אין גרויסן שטיין?

די ציבעלע און דאָס ווערצל כריין

— ס'איז אונדזער באַלעבאָסטע גאָרנישט צו פֿאַרשטיין! —
זיפֿצט אויף די ציבעלע פֿאַרציטערט
און קלאָגט זיך פֿאַרן ווערצל כריין
פֿאַרביטערט:
— אָט רייסט זי פֿון מיר לעבעדיקע פּאַסן הויט,
אָט פֿערמלט זי מיין לייב און פּיצלט עס צום טויט,
און — קוק נאָר — אירע אויגן טרערן, ווערן רויט.
נישט שוין-זשע האָט זי גאָר אויף מיר רחמנות?
— אוי, ניין! אוי, ניין!
נישטאָ קיין האַרץ אין איר געווייין.
דאָס ביטערט בלויז דיין זאַפֿט איר נעזל מיט סכנות

און קוועטשט אַרויס פון שלעכטן קאַלטן אויג איר ן אַ טרער,
כאָטש דיין געוויין דערגרייכט נישט איר געהער,
און רויק איז איר באַלעבאַטיש הערצל, —
קרעכצט בייז פון ריבייזן דאָסווערצל,
דאָס אָפּגעשאָבענע, דאָס נאַקעט־הוילע ווערצל ברוין.
(דער באַלעבאָסטעס טעכטערל האָט עס געריבן
און אויך פאַרגיסן טרערן זיך געקליבן).
— ווייַ־ווייַ! — זיפצט אָפּ די ציבעלע: נישט מיין?
דו זע נאָר ווי זי ווישט עס אָפּ די טרערן מיטן שערצל!
נישט שוין־זשע, טייער ווערצל?...
— אָט שוין, אָט שוין...
באַלד נעמט זי דיך צעקייען, סערדצע קרוין,
און שלינגט אַראָפּ דיין קאָפּ צוזאַמען מיט די פיסלעך.
— ווי ביטער, — זיפצט די ציבעלע: צו זיין אין פּיין אַליין,
אַן איינזאַמע צון איר אין מויל — מיין קבר — גיין!
— מיט דיר בין א י ך! — קרעכצט אָפּ דאָס ווערצל כריין:
ביז וואַנען ס'וועט אַהינקומען דיין גאַנץ געביין.
ווייל איך וועט אויפגעפרעסן לאַנגזאַמער, צו ביסלעך.

געטרויע נישט דיין אונטערדריקער, הער,
אפילו ווען זיין אויג פאַרגיסט אַ טרער;
דיך מיטפילן קאָן סיידן —
אַ ברודער לויט די ליידן.

די סמעטענע און די זויערמילך

דער פויער האָט דאָס פעלד געאַקערט און געדורשט אַ טרונק.
פון וואָגן האָט די לאַדישקע געטאָן צון אים אַ ווונק.
די סמעטענע מיט איר געל־פּנימדיקן ווערכל
האָט שטיל געשעפּטשעט מיט אַ יוירנדיקן שערכל,
באַרימעריש זיך הייבנדיק צום ראַנד:

— כ׳בין פעט! כ׳בין הוילע שמאַנט!
צום ערשטן וועט דער באַלעבאָס פון מ י ר געניסן! —
די זויערמילך גאַרט אויך פון זיך צו לאָזן וויסן,
אַ שעפּטש צו טאָן פון איר דערשטיקעניש אַ וואָרט:
זי קאָן זיך אָבער נישט קיין ריר טאָן פונעם אָרט.
דערווייל קומט צו דער פויער פונעם אַקער,
אַ דורשטיקער, אַ גליויקער, אַ פלאַקער,
און זעצט זיך אויפן באָדן, ווי אין שטוב צום טיש,
און מיטן לעפל טוט ער אין דער לאַדישקע אַ מיש,
און — וועך פון אונטן, ליגט שוין אויבן, העכער...
די זויערמילך דרייט פריילעך זיך אַ טאַנץ,
זי לאַכט מיט אויגנווייסלדיקן גלאַנץ;
די סמעטענע? נישטאָ פון איר קיין זכר!

מיט דער „סמעטאַנקע” פון אַ פאָלק — אַ קלאַס
געשעעט אַמאָל דערזעלבער שפּאַס.

דאָס מלבושים־בערשטל

הערט אוים אַ מעשה אויף חידושים.
אַ באַלעבאָסטע זאָגט אַמאָל צום בערשטל פון מלבושים:
— קום, פוצערל, אַהער! איך האָב דיר וואָס צו זאָגן
איך וויל דיך צוזאָגן. —
און תיכף איר אַרויסגעזאָגטן ווילן
זי נעמט דערפילן.
גיסט הייסע וואַסער אין אַ שיסל,
שיט זאָדע אויך אַריין אַ ביסל
און וואַשן, באָדן, ריייניקן זי נעמט עס;
זי פוצט עס, און זי קעמט עס.
ביים בערשטל שטעלן בייז זיך אָן די האָר:

— צו וועלכע גוטע יאָר ?!
דעם פּוצער, מיך, וואָס כ׳פּוץ
איעדערן פון שטויב און שמוץ,
מיך גייסטו מאַכן ריין ?!
כו, זאָג אַליין!
— ס׳איז אמת, — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכל:
נאָר הער מיט קורצע האָר און לאַנגן שכל:
ביסט טאָקע פאַר דיין אַרבעט ווערט אַ לויב.
נאָר ווען מע האָט צו טאָן כסדר בלויז מיט שטויב,
פאַרגעסט זיך נישט וווּלנדיק אַ שטויבל אויך צום פּוצער,
און ביסלעכווייז ווערט ער אַליין — אַ שמוצער.

איר אַלע, וועלכע רייניקט, ווי די בערשט, די גאַנצע וועלט —
זעט, טוט אַמאָל אַ רייניק אויך דאָס אייגענע געצעלט.

דער שטראַל און די זון

מיין בן-יחידל
צום אַלט ווערן אַ יאָר

דער זונס אַ ייִנגעלע — אַ העלער שטראַל
פאַרבלאָנדזשעט דורך אַ שפּאַלט אין ברעטער,
און צו זיין גרויסער שרעק דערזעט ער:
ער איז פאַרקראָכן אין אַ שטאַל
פון שמוציקע חזירים!
ער מאַטערט זיך, ער וויל אַרויס
צו ברידערלעך, חברים,
זיין ווינד און ווי איז גרויס,
נאָר ס׳קומט אָן די באַפרייונג שווער אים.
ביז ערשט פאַרנאַכט־צו גיט זיך עס אים איין —
ער רייסט אַרויס זיך אויף דער פריי און שיין,

ווי ס׳וואַרט אויף אים מיט אומגעדולד די זון, די מוטער.
ער טוט צון איר אַ פֿאַל, און שוין אויף אירע קניעס רוט ער.
די אייגלעך זיינע ווערן פֿול געוויין,
ווי ער אַליין
איז מלא חן:
— אוי, מאַמעניו, דיין יינגעלע איז קליין,
און, ווי אַ גרויסער, שוין נישט ריין!
עס האָבן איינגעריכט אים די חזירים.
און ס׳וועלן פֿון אים שפּעטן די חברים...
— לאָז, קינדעלע, צו רו,
פֿאַראַנען יינגעלעך אַזעלכע, —
די מאַמע צערטלט אים: ווי דו,
צו וועלכע
עס קלעפּט קיין שמוץ זיך גאָרנישט צו.

פֿאַראַן אויך מענטשן לוימערע, ווי שטראַלן,
וואָס וויפֿל שטויב עס זאָל אויף זיי נישט פֿאַלן,
זיי בלייבן ריין אין גייסט, ווי אידעאַלן.

די ברוינע קאַשע און דאָס הירזשיקל

די ברוינע קאַשע האָסט די געלע הירזש שוין כמה יאָרן.
פֿאַר וועלכע זינד? פֿאַר וועלכן, פֿרעגט איר מיר, חסרון?
נישט שוין־זשע איז די סיבה בלויז די פֿאַרב,
דאָס הייסט — ביסט נישט פֿון מיין קאָליר, איז שטאַרב?!
אַריינלאָזן אין חקירות לאָמיר זיך פֿאַרשפּאָרן,
זאָל זיין, אַז אָן אַ שום פֿאַרוואָס, פֿאַרוועץ.
איך וויל דערציילן בלויז: אַנומלטן דערזעץ
אַ חברה ברוינע קאַשעס אין אַ טעלער —
אַ הירזש אַ געלער
אַריינגעכאַפּט זיך צווישן זיי!

ווי קומט אהערצו נישט קיין ברוינער?
די ברוינע קאַשעס טוען זיך צום הירזשיקל אַ דריי:
— דו, שרעטעלע, אַזעלכער און אַזוינער!
ביסט איין־אַליין,
מיזער און קליין —
און חוצפּהדיק דערוועגסטו זיך, ווי גאָלד, צו שיינען!
...וואָס־וואָס? האָסט חשק נאָך זיך אויסצוטענהן?
דערווייז! אפשר, אַז דו גאָלדיקסט זיך דערפון,
וואָס כאָטש ביסט פּיטשע־מאַנטשיק, שיינסטו ווי די זון?
צי גאָר, דו עזותדיקער הירזשיק געלער...
קיין וואָרט נישט! שאַ!
דו ביסט אַליין אַ זונעלע אַזאַ?
איז הער־זשע, הירזשיק, שנעל טראָג אָפּ זיך, שנעלער!
שוין קייקל זיך אַרום פון טעלער
צון אַלדי ווײסטע, געלע יאָר! —
די קאַשעס אונדזער הירזשיקל פון אַלע זייטן דריקן,
זיי ווילן עס צום טויט דערשטיקן.
דאָס הירזשיקל ווערט בלאָס גאָר־גאָר
און קוקט אַרום מיט שרעק זיך:
וואָס טוט מען, גאָט אין הימל? אַ?
כאָטש נעם אַליין און עק זיך!
ווי דאָ דערזעט עס — ס'ליגט אַ הייטל פון אַ קאַשע... שאַ:
צו ראַטעווען דאָס לעבן איז דאָך דאָ אַן עצה!
אַ כאַפּ דאָס ברוינע פעלצל אויף דער פּלייצע,
און שוין —
דאָס געלע הירזשיקל צו לייטן גלייך איז — ברוין!

צי קאָנען שוין די ברוינע קאַשעס ס'הירזשיקל פאַרטראָגן?
איך מיין, מיין לייענער, אַז דיר איז איבריק דאָס צו זאָגן:
ווייל וואָסער פעלץ עס זאָל דער ייד נישט געמען טראָגן,
די ברוינע שטעקנס הערן אים נישט אויף צו שלאָגן.

דער בוים, דער פניאַק און זײַנע ריטלעך

מ׳האָט אָפּגעזעגט אין וואַלד אַ פעסטן בוים.
דער עקאָ האָט צעקרעכצט זיך פון זײַן פאַלן.
פאַרבליבן אויף זײַן פניאַק פאַריתומטע פיר ריטלעך קוים,
ווי דינע שטראַלן.
ווער ס׳מוט אויף זיי אַ קוק,
לויפט דורך זײַן לײַב אַ צוק,
עס שנײַדט אים פאַרן האַרצן.
דאָס ווײַסע לײַב פון פניאַק די צײַט נעמט שוואַרצן.
און ווען דער ווינטער קומט מיט פרעסט און שניי צו גיין,
פאַרשטאַרט דער פניאַק בלײַבט שטיין,
געהילט אין שניי, ווי אין תכריכים ווײַסע.
און זײַנע ריטלעך זעט מען אויך שוין נישט אַרויס.
נאָר הערט אַ וווּנדערלעכע מעשה:
דער ווינטער נעמט צונויף די פרעסט און גייט אַרויס.
עס שמעלצט דער שניי און רינט אַרײַן דעם וואַלד אין שוים.
באַווײַזן זיך, ווי עופעלעך געבאָדענע פון וואַסער,
דרײַ ריטלעך קרעפטיקע, געקנאָספּלט־גרין!
בלויז איינס פאַרבלײַבט, ווי פריער, דין
און שוואַכער נאָך און בלאַסער.
עס שטעקט אַרײַן די זון אין וואַלד איר בלאָנדן קאָפּ,
פאַרפלעכט אין זײַן געצווײַג דעם שטראַלנדיקן צאָפּ,
און צו די ריטלעך אונדזערע די דרײַ זי לאָכט אַראָפּ.
די ריטלעך שמייכלען איר אַנטקעגן פון באַגינען.
זיי ציען מיט די קנאָספּלעך זיך צון איר:
— נעם מיט אונדז, זון, מיט זיך אויף דײַן שפּאַציר!
— זיי מעגן מיר זיך דאָס פאַרגינען, —
דאָס קראַנקע ריטל וווּנדערט זיך: צו אָטעמען און גרינען
אויף אונדזער פניאַקס פאַרשוואַרצטן ראַנד...
ס׳איז יעדער אייער קנאָספּן־שימער — שאַנד!
און יעדער גרינער אָטעם־צי — אומזיטלעך! —
דאָס ריטל אויף די אויגן וועלקט, גייט איין —
הערט אויף צו זײַן.
נאָר זיי, דער דרײַלינג ריטלעך,

פאַרבלענדט פון חיותדיקער שיין,
מיט לעבנס־ווילן אָנגעלאָדן,
באַמערקן נישט דעם טויט פון דעם געטרייען תם.
אין זיי לעבט אויף אויף ס'ניי דער שטאַם,
וואָס וואָרצלט פעסט אין באָדן
און טרייבט אין זיי אַ שפּרודלדיקן זאַפט:
— איילט צו! מע דאַרף ממלא זיין דעם שאָדן.
וואַקסט, קינדערלעך, און שאַפט!

נישט די זיינען די טרייסטע זין פון פאָלק, וואָס קלאָגן אויף זיין פאַרטיליקונג און גייען אויס אליין. נאָר די, וואָס היטן אויף אין האַרצן אונטער אַש, צו טראָגן פאַר דורות וויטערע, זיין אָפּגעראַטעוועטן גלי.

נחום יוד (נ. יערוזאַלימטשיק)

משלים-שרייבער. געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1888

דאָס פערד און דער קעמל

פון קעמל האָט אַמאָל דאָס פערד
געלאַכט:
— באַטראַכט,
צי קאָן מען נאָך געפינען אויף דער ערד

באַשעפּענישן העסלעכער פון דיר?
אַ פעל
פאַרמאַגסטו, וועלכע איז —
ווער קאָן באַשטימען איר קאָליר? —
נישט טונקל און נישט העל;
דערצו נאָך ביסטו אויך
גאָר אומגעלומפּערט הויך;
האָסט דינע פיס,
אַ מיאוסן און קורצן עק;
און טאָמער איז נאָך קאַרג,
פאַרמאָגסטו אויך דערצו
אַ הויקער, ווי אַ באַרג,
און וווּ?
נאָך אויפן רעכטן מיטן רוקן!
איך זאָג דיר, ס'איז אַ חרפּה און אַ שרעק
אויף דיר צו קוקן!
— ס'ווייזט אויס פון דיינע רייד, מיין ליבער, פערד,
אַז דו ביסט גאָר אַ נאַר, —
האָט אים דער קעמל מיט פאַרדרוס דערקלערט:
איך מיין,
אַז יעדער איז באַשאַפן לויט זיין מאָס,
און יעדער איז פאַר זיך דעריבער שיין.
פאַרקערט,
מיין הויקער איז מיר ליב דערפאַר,
וואָס כ'וועל פון אים געשפייזט צו זאַט
אַ לאַנגע צייט,
ווען איך בין, אין דער וויסטעניש, פון גראָז
און וואַסער ווייט.
און ווען איך וואָלט, ווי דו, געהאַט
אַ שיין געשטאַלט,
וואָלט איך געוויס
דאָרט אויסגעצויגן באַלד די פיס.

צוויי פרויען

באַגעגנט האָבן זיך צוויי פרויען, גוטע פריינד,
אין מאַרק ביים פולן וואָגן.
— וואָס זעט איר אויס מיר היינט
אַזוי נישט גוט? — האָט איינע
מיט מיטגעפיל געווענדט זיך צו איר שכנה.
(און צווישן אונדז גערעדט —
געווען זיינען בײדע, ווי די געדזלעך פעט)
— איר וואָלט מיך גאָרנישט פרעגן, ווען איר ווייסט,
וואָס הייסט
אַ דינסטמיידל צו האָבן אין אַ הויז, —
האָט יענע אָפּגעענטפערט איר דערשלאָגן:
איר הערט נאָר אויס:
אָט נעכטן האָט זיך דאָס מיין מויד
פון העלער הויט
פאַרגלוסט צו וואַשן גרעט און באַקן ברויט.
פאַרשטייט איר, מן־הסתם,
דעם גאַנצן טאַראַראַם,
וואָס איז פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט געווען אין הויז.
דעם גאַנצן טאָג בין איך אין ערגעץ נישט אַרויס,
געזעסן
און נאָכגעקוקט איר, ווי זי טוט.
עס האָט מיר, זאָג איך אייך, ביז טויט דערעסן.
וואָס אמת איז: זי האָט ביי מיר אַ ווײַלע נישט גערוט,
געאַרבעט ווי אַ שד;
עס האָט דאָרט אונטער אירע הענט
געברענט!
זי האָט דאָס גרעט
געוואַשן זילבער־ריין
און שיין
און אָפּגעבאַקט דאָס ברויט, ווי אויף דער זון.
און איך — אָט ווי איר זעט, בין היינט דערפון
אַ קראַנקע; קוים וואָס כ׳שטיי

און גיי.
די דינסטן, הערט איר, טרייבן מיך אריין אין גרוב. —
די צווייטע פרוי, וואס האט די גאנצע צייט געשוויגן,
האט צוגעגעבן מיט דעם זעלבן ניגון:
— א קליינקייט צו אויסהאלטן א שטוב!

גאנץ אפט באגעגענען זיך מיר
מיט מענטשן פון דעם זעלבן שניט:
זיי טוען זיך אליין צו קיין זאך נישט קיין ריר,
און ווערן נאר פון יענעמס ארבעט מיד.

דער הונט און דער וואלף

א הונט, וואס האט געהאט ביים פויער
נישקשהדיקע קעסט
און אויך א ביידל לעבן טויער
אין צייט פון גרויסע פרעסט,
האט איינמאל זיך צום הונגעריקן וואלף געווענדט:
— מיר דאכט, איך וואלט ווי דו גאר לעבן נישט געקענט!
דו ביסט דאך שוין א וועלפל נישט קיין יונגער
און ווייסט דאך גוט די וועלט,
פארוואס זאלסטו עס שטענדיק ליידן הונגער
און ציטערן פאר קעלט?
איך גיב גאנץ אפט ביי זיך אליין
א פרעג:
דו האסט דאך, וואלף, אזעלכע ציין,
וואס ווארפן אן אויף אלעמען א שרעק,
דאך לעבסטו אפ דיין לעבן אין געפאר,
אין הונגער און אין צער.
—מע רופט דיך הונט; און ווייסט פאר וואס? —
האט אפגערופן זיך דער וואלף מיט גרויס פארדראס:

ווייל פאר א בײנדל, וואס מע ווארפט ארויס
פון הויז,
איז רעכט ביי דיר צו דרייען מיטן עק
און ווארטן גאנצע טעג
אויף אלע הויפן.
און איך — ווי גרויס עס זאל נישט זיין מיין נויט,
וועל פאר א שטיקל ברויט
מיין פרייהייט נישט פארקויפן.

די געלערנטע קאץ

א מאן האט אומגעפירט אין מארק
א קאץ, און נישט אבי א וועלכע.
ס'איז זעלטן, ווען מע טרעפט גאר קעין אזעלכע!
זי איז געווען געבילדעט שטארק
און האט געקענט זיך קוליען, שפרינגען,
א לאנגע צייט אליין
אויף הינטערפיסלעך גיין,
און מיט א גלעקל קלינגען.
אזעלכע שטיק האט זי געקענט א סך,
און אויפן ווונק האט זי פארשטאנען יעדע זאך.
(מיט דעם
האט זיך די קאץ געמאכט א גרויסן שם.)
דער עולם האט געקוקט, געלאכט
און נייגעריק די קאץ באטראכט
פון אלע זייטן.
נאר איינער, וועלכער איז געשטאנען פון דער ווייטן,
איז באלד אוועק און האט געבראכט פון הויז
א פאסטקע מיט א לעבעדיקער מויז.
ער האט ארויסגעלאזט האס מייזל, ווען די קאץ

האָט, גייענדיק אויף הינטערפיסלעך מיט א טאַץ,
ביי די אַרומיקע דאָרט געלט געקליבן.
ווי נאָר זי האָט דערזען דאָס מייזל — באַץ!
האָט זי אין דרערד אַ זעץ געטאָן די טאַץ.
עס איז פון איר געבילדעטקייט קיין זכר נישט געבליבן.
די אַלע קונצן זיינען גלייך ביי איר
פון קאָפּ ארויס;
זי האָט זיך פלינק אויף אַלע פיר
געלאָזן נאָך דער מויז.

מע טרעפט אזוינע לייט גאַנץ אָפט אין לעבן:
זיי האַלטן זיך אזוי, וואָס בעסער קאָן נישט געבן,
צו זייער בילדונג, דאַכט זיך, איז נישטאָ קיין שאַץ;
דאָך זיינען זיי נישט בעסער פון דער קאַץ.

די סטראשידלע

אין שמאַטעס אַלערליי געקליידט,
געשטאַנען איז אין גאָרטן שטילערהייט
זינט יאָרן אַ סטראַשידלע, קוים צונויפגעשלאָגן
פון ברעטלעך, פּאַקוליע און שטרוי
און מיטן אויסזען בלויז די פייגעלעך אזוי
געשראָקן,
אַז נישט געוואַגט זיך האָבן זיי אַ פּיק צו טאָן
פון דאָרט אַ בלעטל, צי אַ גרייפּל מאָן.
איך ווייס נישט, ווי אזוי עס האָט פּאַסירט אזוי,
נאָר איינמאָל איז אהין אַ שפּערלינגל אַ קליינס
גאָר צופעליק אַריין.
פון פרייער לופט פאַרשיכורט און פאַרבלענדט פון שיין,
האָט ער, קאָן זיין,

דאָרט די סטראַשידלע אפשר יאָ געזען,
נאָר ער איז יונג געווען,
נאָך נישט דערפאַרן.
און האָט נאָך נישט געוווסט פון פייגלשע געפאַרן;
ער האָט געמיינט, אַז אַלץ וואָס וואַקסט פון דרערד אַרויס,
געהערט דאָס צו די הונגעריקע בלויז.
איז ער אין גאָרטן זיך אַ רויקער געזעסן
און זיך געלאָזט דאָרט וווילגיין ביזן גאָר;
און נאָכדעם פלעגט ער שטענדיק קומען דאָרטן עסן.
אַזוי איז פאַר דער פייגל־וועלט געוואָרן קלאָר,
אַז די סטראַשידלע איז, אין תוך גענומען,
אינגאַנצן גאָרנישט קיין געפאַר,
מע דאַרף זיך נאָר נישט שרעקן און נישט זיין קיין נאַר.
און אַלע פייגל האָבן טאַקע מוט באַקומען.
(ווייזט אויס,
גאָטס הרויסן קאָן מען נישט פאַרשטעלן).
דעם באַלעבאָס פון גאָרטן אָבער איז דורכויס
דער גאַנצער ענין נישט געפעלן.
און אויסגעפונען האָט ער צו די פייגל באַלד
אַן אַנדער מיטל:
אַזוי ווי די סטראַשידליע איז שוין אַלט,
באַדאַרף מען אָפּפרישן אַ ביסל איר געשטאַלט.
האָט ער איר אָנגעטאָן אַן אַנדער היטל,
די שמאָכטעס פאַקוליע און שטרוי פאַרנייט,
אין פאַרביקערע אָנימשעס באַקליידט
און צוגעבונדן צון איר האַנט אַ גרויסן שטעקן.
נאָר דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַלץ נאָך נישט גענוג;
ווייל פייגל, זאָגט מען, זיינען איצטער קלוג,
און ס׳וועט דער נייער גולם זיי שוין נישט דערשרעקן.

פישל בער ראַוויצקי

משלים-שרייבער. געבוירן געוואָרן אין פוילן אין יאָר 1892
אומגעקומען דורך די פאַשיסטן בעת דער צווייטער וועלט-
מלחמה

דאָס יינגל און דאָס הינטל

א יינגל מיטן נאָמען געצל,
א שמיפער, ווי דאָס זומערדיקע ווינטל,
געזאָגט האָט צו דעם הינטל:
— פאַרוואָס ביסטו גישט חבר מיטן קעצל?
באַפאַלסט עס אויפן הויף, אין גאַס
און בילסט אויף דעם מיט כעס,
ווי עס וואָלט זיין דיין פיינט דער גרעסטער. —
און ס׳הינטל האָט אים אָפגעענטפערט, ווי מע דאַרף,
מיט חריפות, קורץ און שאַרף:
— און דו, דו לעבסט בשלום מיט דיין שוועסטער?

דער האָז און דער קעמל

מ׳האָט געכאַפט א העזל, גרויס — א גענעץ,
שוואַרצנדיק די גרענעץ.
ביים פאַרהערן האָט דער האָז דערקלערט,
אז ער האָט פון א באַפעל געהערט,
יאָ, מע זאָל מיט פאַרקאָוועס די קעמלען אונטערשמידן —
האָט ער זיך דערפאַר אַנטשידן
מאַכן פּלימה.
— מאַכסטו זיך צום נאַר,
צי דו ביסט א שוטה?! —
שרייט א בייזער דער זשאַנדאַר:

וואָס האָסטו צו שרעקן זיך דערפאַר?
ביסט דאָך נישט קיין קעמל, נאָר אַ האָז!
— גרינג צו זאָגן דאָס!
ווען איך וועל געקאָוועט ווערן,
גיי דאַן שרייען חי־וקים,
גלאָץ צום בורא־השמים,
נעם ביי לייב־און־לעבן שווערן —
אַז כ'בין נישט קיין קעמל, נאָר אַ האָז.

דער בריליאַנט און דעם שלייפערס האַנט

אַ בריליאַנט
אין דעם שלייפערס האַנט
האָט געהאַט צום איר, דער האַנט, אַ טענה:
— לאָז מיך פון די מיאוסע פינגער דיינע
שוין אַרויס:
מיך קוקן אויס
פינגער שיינע,
ציכטיק־רייגע!
— כ'מוז דיך שלייפן נאָך אַ ביסל צו דיין... שאַנד! —
ענטפערט דעם בריליאַנט
די פאַרפּראַצעוועטע האַנט:
כ'מוז דיך שאַרפן,
דו זאָלסט וואַרפן
אַלערליי קאָלירן,
פאַר די אויגן שעמערירן;
און ערשט דעמאָלט וועסטו גיין באַצירן
יענע פינגער אין די גרויע שמעט,
וואָס פון פרעמדער פּראַצע ווערן שיין און פעט.

דער פערד־האָטעל

מע האָט אַ פערד־האָטעל געשטעלט
פאַר רייכע פערד,
וואָס זיינען ווערט
מטמונים געלט.
מיט איינמאָל איז אַן ארבעט־פערד געקומען,
וואָס האָט אַן אָנטייל אין דעם בוי גענומען,
געשלעפט די ציגל, קאַלך און ליים —
ער וויל איצט פאַר זיין היים
אַ שטוב אין דעם האָטעל באַקומען.
— צי האָסטו נישט געהערט,
אַז דער האָטעל
געבויט איז ספּעציעל
פאַר חשובע און רייכע פערד? —
שרייט אוים דער דינער בייז:
און דו ביסט שמוציק. ס'פּילט פון דיר זיך שוויים,
עס שלאָגט פון דיר די גרינע גאַל.
דיין אָרט איז נאָר דער שטאַל. —
דאָס פערדל האָט געענטפערט מיט ענוות:
— עס ווענדט זיך, ווער עס האָט מער חשיבות:
צי איך, וואָס אַרבעט שווער אין שפּאַן, אין פלוג,
און מוז מיין ברויט מיט שוויים געניסן,
צי יענע, וועלכע פון מיין פראַצע לייכט געניסן
און לעבן זיך אַ גוטן טאָג.

די שווערד און דער חלף

עס האָט די שווערד באַהערשט דאָס לאַנד
און זי רעגירט מיט פעסטער האַנט:
— ווער ס'וועט זיך שטעלן מיר אַקעגן
אויף מיינע וועגן,

וועט ווערן יענער
אַ קעפּל קלענער! —
די שווערד האָט צוגעקריגן בעלפּערם
און אונטערפּירערם, אונטערהעלפּערם:
האָס איידלע גאָל־מעסער, און ס׳פּראָסטע העקל,
ס׳בליי־קעפּלדיקע שלעגער־שטעקל,
די קיילער־פּאַלקע, וועלכע טוט אַ זעץ אַ גוטן,
און נאָך אַזעלכע איידעלע מכשירים.
עס וויל דאָ ווערן אויך דער חלף אַ מחותן
און האָט יסורים:
עס האַלט די שווערד אים פון דער ווייט.
איז שטייט ער נעבעך ביי דער זייט
עניוותדיק געבויגן
און בעט זיך מיט פאַרגלייזטע אויגן:
— אָ, זיי צו מיר נישט אַזאַ שלעכטער —
איך בין דאָך אויך אַ שעכטער,
און כ׳טו צו דעם נאָך מיין מלאכה
נישט אָן קיין ברכה. —
נאָר ס׳וויל די שווערד נישט הערן:
— זאָל טאַקע זיין די שחיטה דיר פאַרווערט!
דאָס רעכט נאָר מ י ר געהערט. —
הייבט אָן דער חלף זיך צו בעטן, בעט מיט טרערן:
— וואָס קאָן אַזאַ, ווי איך, דיר שטערן?
איך ממית
דאָך בלויז בהמות. —
צעשרייט די שווערד זיך מלא־חימה:
— אויב דו וועסט אויסשעכטן אַ יעדע בהמה,
איז ווי אַזוי וועל איך רעגירן
און ווען אויף מלחמה פירן?!

משה שולשטיין

איינער פון די אָנגעזעענסטע פּראָלעטאַרישע דיכטער
געבוירן אין פּוילן אין שטעטעלע קאָרעוו
איבערגעלעבט די פאַשיסטישע אָקופּאַציע אין פּאַריז.

דער וואָלף און דאָס לעמעלע

געשריבן האָט דער וואָלף צום לעמעלע בזה־הלשון:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט".
האָט ס'לעמעלע מיט גרויס צופרידנקייט דאָס בריוועלע געליינט,
געטראַכט: דער כעס האָט זיך ביים וואָלף שוין איינגעלאָשן,
נישט אַנדערש נאָר עס זיינען שוין משיחס צייטן!
און ס'איז די פרייד פון לעמעלע געוועזן אין־לשער,
און ס'האָט דערפאַר
די איינלאַדונג פון וואָלף אָן קווענקלעניש אָנגענומען,
געפּוצט זיך און געפּעדערט, זיך גענומען גרייטן,
געלאָזן זיך די לעקעלעך ביים שערער אָנדולירן,
געהייסן זיך באַשפּריצן מיט די טייערסטע פּאַרפּומען
און נישט פאַרגעסן אויפן וועג צו קויפן בלומען.

הכּלל, געפֿירט זיך אָרטיק, ווי מע דאַרף זיך פֿירן
ביי לייטן, ווי עס פּאַסט.
— ווילקאָמען, ליבער גאַסט!
ווי גליקלעך און צופֿרידן בין איך פֿון דיין קומען! —
האָט ס'לעמעלע דער וואָלף גאָר פֿריינדלעך אויפֿגענומען:
נאָר כ'בעט דיך, שטופּ מיר נישט קיין בלומען אין די ציין,
דו ווייסט אַליין,
אַז דאָס איז נישט פֿאַר מיר קיין מאכל,
כ'האַלט, וואָס אַן אמת, מער, מיין ליבער גאַסט, פֿון בשר,
איך קאָן דיר שווערן, אסור,
אויב ס'האָט שוין עמעצער מיט בלומען וועגן פֿאַרבראָקט אַ יאַיכל...
ווי גוט, מיין טייערס, האָסט צו מיר אַצינד אַריינגעטראָפֿן!
מיין אַפּעטיט איז גלענצנדיק און פֿיין!
נאָר הער, צו וואָס־זשע דאַרף איך דאָ מיט הינטערוועגן גיין,
כ'האָב ליב צו זיין גאָר אויפֿריכטיק און אָפֿן,
אַז לאַנגע שהיות, הער, מיין טייער קינד,
דו קאָנסט שוין זאָגן ווידוי און זיך אָפּגעזעגענען געשווינד...
— וואָס הייסט? —
האָט שטיל ביים לעמעלע די שטים געציטערט אין געוויין:
דו האָסט דאָך מיר געשריבן שוואַרץ אויף ווייס —
דו לאַדסט מיך איין אויף מיטאָג, נאַ, גיי, זע אַליין.
דערפֿאַר מאַקע האָב איך צו דיר זיך אויסגעקליבן.
— ס'איז אמת, מייערס, איך האָב דיר געשריבן
און טאַקע אייגנהענטיק, שוואַרץ אויף ווייס:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג". איך האָב נישט געמיינט,
חלילה, דיר צו זאָגן ליגן, צו אַ שפּאַס.
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט", דאָס הייסט,
אַז דו וועסט זיין מיין מיטאָג און צוגלייך מיין גאַסט.
מיין טייערס, איך האָב ליב צו זאָגן אָפֿן וואָס איך מיין. —
און ס'האָט דער וואָלף דעם לעמעלע געוויזן זיינע ציין...

די לעצטע שורה און דער נמשל, מיינע ליבע קינדער, זענען,
אַז אויף דער ש פּ ר אַ ך פֿון שונא דאַרף מען זיך צו קענען.

פרץ מיראנסקי

פון דער שרייבער-גרופּע „יונג-ווילנע". טאַלענטירטער משל-שרייבער. אַ ווילנער.

לעפל־גאָפּל

אַ לעפל,
זיך ווייקנדיק אין שעפּל,
האָט צו זיין עס־חבר, דעם גאָפּל, זיך צעטענהט:
— דער טיוול זאָל עס וויסן!
איך האָב אַ גוטן קאָפּ, און זע די צרות מיינע —
עס לעבט זיך מיר גאָר ביטער,
ווייל דו כאַפּסט תמיד פלייש אַ ביסן,
און איך כאַפּ דאָס בלויז, וואָס איז שיטער. —
דער גאָפּל,
אַ כוואַט שוין פון זיין מאַמעס נאָפּל,
האָט זיך צעלאַכט מיט אַלע זיינע ציין:
— פאַרשטיי אַליין,
אַזוי איז שוין ביי פולע שיסלען און ביי טעפּ
די טבע פון די אַלץ־פאַרשלינגער:
מע קאָרמעט אָן מיט שיטערן די קעפּ,
אַז אַלדאָס פעטערע זאָל בלייבן פאַר די פינגער.

דאָס שייטל האָלץ און די טאָפּעריסקע

עס האָט אין קיך ביים גביר רב טרייטל
אַ טאָפּעריסקע אָנגעטראָפן זיך מיט האָלץ אַ שייטל.
און צוקוקנדיק גוט זיך צו דעם שייטל דער שורפאַטן
האָט זי דערקענט אין אים אַ זון פון קליאָן, פון טאַטן!

און פון מאַמען,
פון וועלכעביידע שטאַמען.
און, ליגנדיק אַזוי אנטקעגן,
האָט זי דעם שייטל האַלץ געגומען פרעגן:
— מיר זיינען ביידע, דאַכט זיך מיר, צוויי ברידער,
געוואַקסן אין איין קאָרע, אין איין העמד,
צוויי ליבלעכע קליאַנאָווע גלידער,
טאָ וואָס ביסטו מיר איצטער אַזוי פרעמד? —
און ס'האָט דאָס שייטל פראַסט און רוי
דער מאַפּעריסקע אָפּגעענטפערט אָט אַזוי:
— דו ווייסט, פאַרוואָס ביסט מיר דערווידער?
ווייל אַלע מאָל,
ווי נאָר מע טוט אייך אָן אַ הוט פון שמאָל,
איר פאַלגט די האַנט, וואָס שיקט אייך מאָרדן ברידער!

די קראָ און די וועווערקע

אַן אַלטע, שוואַרצע קראָ
דערזען האָט אין אַ פרייער שעה
אַ וועווערק, ווי ער זיצט זיך אויף די הינטערשטע צוויי פיסלעך
און קנאַקט ניסלעך.
— אויף דעם איז מיר פאַרדריסלעך
מאַקע, —
האָט זיך די קראָ צעקראַקעט:
איז דאָס פאַר דיר אַ שפּייז?
צו קנאַקן דאָס, וואָס ס'גריזשען עס די מייז?
אָ, שכנה מיינע, וואָלסטו זיך געמעגט פאַרגינען טאָן אַ ביס
אַ שטייגער
אַ וואָרעם, צי אַ פגר;
אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז געשמאַק און זיס,
נאָר ניס...
— געוויס, געוויס, —

האָט אָפּגערופֿן זיך די וועווערקע: נאַר הער,
איך בעט דיך, קראָ, דערקלער,
ווי קומסטו וועגן נים צו קראַקען,
ווי באַלד דו קענסט זיי נישט צעקנאַקן?

ס'טרעפֿט אָפֿט, אַז עמעץ וויל אַ זאַך פֿאַרשרייען
בלויז מחמת דעם אַליין,
וואָס אים פֿעלן ציין
דאָס מאכל צו צעקייען.

דער בוריק און דער האָלענדער קעז

אַ האָלענדער קעז,
אָקאָרשט פֿון פּרעס,
גראָב-בייכיק און רויט־צוהיק
האָט חנדלען זיך גענומען צון אַ בוריק:
— צי וואָלסטו גלייבן, חבר, וואָס כ'וואָלט זיך דערלויבן
צו מאַן אַ זאָג?
ס'איז קלאָרער ווי דער טאָג,
אַז בייזע זיינען מיר פֿון זעלבן גלויבן!
אַ סימן האָסטו דאָ מיין הויט,
וואָס איז, ווי דיינע, רויט.
איי דאָס, וואָס כ'בין פֿון דיר אַ האָרעלע געפּאַקטער,
בין איך נישט שולדיק: ס'איז ביי מיר אַזאַ כאַראַקטער... —
דאָס בוריקל, אַ פּשוט־פּראָסט בורלאַקל,
האָט אים געענטפֿערט פּראָסט: — סכהכל
איז, קעז, דיין גאַנצע רויט —
די הויט.
און דאָס, וואָס רופֿסט זיך חבר —
מע דאַרף נאָר אויסטאָן דיר דאָס רויטע פּראַקל,
דערשפּירט מען גלייך דיין אוויר...

ב. גוטיאַנסקי

אַ העכסט-טאַלענטירטער יידיש-סאָוויעטישער שרייבער

דער האָז און דער קאַפּראַל

אַ האָז האָט זיך צערעדט מיט אַ קאַפּראַל:
— איך קאָן דיר, — מאַכט ער: זאָגן,
איך ווייס דאָס, — זאָגט ער: פון אַ פעסטן קוואַל —
אין לעבן איז נאָך נישט געווען דער פאַל,
אַ יעגער זאָל אַמאָל אַ האָז דעריאָגן.
און נעכטן האָב איך גראָד געזען,
דו ביסט אהער צום וואַלד געלאָפן,
און כ׳דאַרף, פּאַשיסטל, זאָגן אָפן,
דו הערסט, צי ניין, איך אָנערקען,
דו ביסט אַ מזיק! ביסט אַ ברען!
האָסט היפּשע צוויי רגלים קיינענאָרע,
לויפסט זייער שיין, געשיקט און גיך —
כמעט אַזוי ווי איך.
— כמעט?! — איז דער קאַפּראַל אריין אין צאָרן
און זיך אַ כאַפּ געטאָן צום אויטאָמאַט:
כ מ ע ט ?!!
— אָ, שיסט נישט, אייער מאַיעסטעט! —
האָט אָנגערופן זיך דאָס העזל מיט געבעט:
וואָס טויגן אונדז די אויטאָמאַטן?
אָט האָבן מיר אַ וועג אַ גלייכן און אַ גלאַטן,
איז אפשר... אַ געוועט?
— געמאַכט! איך לייג איין אַלע מיינע קרייצן!
דו וועסט ביי מיר, קאַסאָקער דו, די הרובע הייצן!
— נו, גוט, געלאָפן, — זאָגט דער האָז: אהינצו גלייך צום טייך.
— אהינצו גאָר? אָ, ניין! —
איז פּלוצעם דער קאַפּראַל געבליבן שטיין,

די אויגן צו דער ערד, די באַקן צונטער:
אַ ה ע ר צ ו קאָן איך וועטן זיך אויף הונדערט מייל.
אַ ה י נ צ ו — לא!... פאַרוואָס־זשע? פרעגסט פאַרוואָס־זשע? ווייל...
אַזוי! אויף מזרח נעם איך זיך נישט אונטער.

די הושענות

אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה
ז'צו הימלערן געקומען מיט אַ טענה:
אדוני פירער! ווו איז אמת? יושר? סטייטש?
איך וועל נישט לייקענען פאַר ירום־הודו,
איך בין זיך מודה:
כ'בין טאַקע, לאָמיר זאָגן, נישט קיין דייטש,
איך בין אַ יידישע הושענה טאַקע בין איך,
און דאָך... און פאָרט... פונדעסטוועגן געפין איך... —
און פּלוצעם ברעכט זי אויס אַ יאָמערלעך געוויין:
אַ בלאַט אַ דעמבענעם פונדעסטוועגן פאַרדין איך.
פאַרוואָס איז מיר אַזוי מיין פינצטער מזל קליין!
אַ ראָמעלן אַ ליאַדע דאָרט, אַזאַ מאַנשטיינען...
צי ליבן, הילן, שטאַמערמאַנען 1), לאָמיר זאָגן...
איך זאָג דען? שלאָגן האָט מען זיי געשלאָגן,
מע ווייסט עס וויל,
נאָר נישט אַזוי, ווי מיך! אַזוי־אָ מכת־רצח?!
און ווער?! אַ ייד! געלאָזט מיך אָן איין בלעטל! הויל!

1) ראָמעל האָט נאָך דער פאַרניכטונג פון זיין אַרמיי אין טוניס באַ־קומען פון היטלערן אַ „דעמבן־בלאַט”. מאַנשטיין איז מיט אַ דעמבן־בלאַט באַלוינט געוואָרן נישט איינמאָל, דאָס לעצטע מאָל — נאָך דעם, ווי ער איז, ראַטעווענדיק זיך פון דער אָנגרייפנדיקער אַרמיי, צוזאַמען מיט זיין שטאַב אַנטלאָפן פון דער רומענישער שטאָט יאַסי. ליב, היל, שטאמערמאַן — העלדן פון דער מפּלה פון די דייטשן אינעם ראַיאָן זווענִיגראָדקע — שפּאָלע, וואָס זיינען אויך באַלוינט געוואָרן מיט דעמבן־בלעטער.

איך מיין, אז אויף א בלאַט בין   א י ך געווען בעל-מצר.
צום סוף האָט ירום־הודו מיך פאַרטוילט, פאַרזוען.
— פאַרוואָס? פאַרוואָס?
דער פיורער האָט א שעה געפינצלט מיט די אויגן,
אהער די זאַך געטאָן א דריי, דערנאָך אהין,
די טענה אבצון מאָל געמאָסטן און געוווגן
און אויסגערופן: — יאָ. עס האָט א זין. —
געהייסן זיך א קאַסטן בלעטער צו דערלאַנגען
און אַלע ריטעלעך דער מענהערקעס באַהאַנגען.
דער אָפּגעשלאָגענער הושענהס גליק, איר פרייד. . .
איך גלייב, אז צווישן אונדז, חברים, וועט עס בלייבן,
איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן שטילערהייט:
איך נעם זיך פשוט דאָס נישט אונטער צו באַשרייבן.
זיך אָנגעטמישעט, אָנגעלויבעט מיט איר קלייד
נ'א זאָג געגעבן מיט א זיפצעלע א פרומען:
— איך שמיי, אדוני פיורער, און איך קוק אויף דיר. . .
ביסט אויך געשמראַפּט געוואָרן נעבעך גלייך מיט מיר.
נאָר, כ'האָף צו גאָט, דו וועסט דיר דיינס באַקומען,
אָט לאָז שוין איבערגיין דאָרט בוקאַרעשט און רוים,
צי אפשר נאָך א צוויי־דריי מאות קילאָמעטער,
נו, נאָך א וואָך, נו, נאָך א חודש, פריער ־ שפּעטער —
מע וועט דאָס געבן דיך א הענג אַרום מיט בלעטער!
מ'עט פשוט אויפהענגען אויף דיר א גאַנצן בוים!
איי, ירום־הודו קאָן דאָך זאָגן:
„ווי וועל איך דאָס א גאַנצן בוים דערטראָגן?”
שאַ־שאַ, — האָט די הושענה זיך פאַרקלערט:
ס'א מוז דער בוים אויף דיר? מע קאָן פאַרקערט.

דיין גליק, הושענה, וואָס ער האָט עס נישט געהערט.

מ. גערשענזאָן

יידיש־סאָוועטישער שרייבער. אומגעקומען בעת דער
צווייטער וועלט־מלחמה

פאָן־וואַנץ

אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען איז אַזאַ מין פאַל:
אין איינעם אַן אַנשטאַלט,
וואָס היט די ריינקייט אָפּ פון ראַסן
(דערציילט האָט מיר אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב צו שפּאַסן),
געקומען איז צו גיין אין פולן גלאַנץ
אַ וואַנץ.
— וואָס וועט איר זאָגן, וואַנץ? — האָט מען ביי איר געפרעגט.
— איך וויל, — האָט זי געזאָגט מיט ווירדע און רעספּעקט:
דאָ איינשטעלן ביי אייך מיין יחוסדיקן סלופּ:
געבוירן בין איך אין אַן עכטער נאַצי־דייטשער שטוב
און אָנגעזאַפּט בין איך מיט ריין און לויטער אַריש בלוט.
דאָס גיט מיר רעכט און מוט
זיך שטעלן אויבן־אָן
און פאָדערן פאַר זיך דעם טיטל „פאָן".

פון דעמלט אָן
איז צווישן וואַנצן דאָ אַ גרויסע מאַסע,
וואָס געהערן צו דער נאַצי־דייטשער ראַסע.

אומבאַקאַנטער מחבר

דאָס איינטאָג־פֿלאַטערל און די בין

אַן איינטאָג־פֿלאַטערל געפֿרעגט האָט ביי אַ בין:
— נו, זאָג, וואָס האָט עס פֿאַר אַ זין
צו נאָגן זיסקייטן פֿון אַלע פֿלאַנצן,
זיך מיען פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט פֿאַרנאַכט
און טון אַ מאָל אַנידער מיד־פֿאַרשמאַכט —
דו וועסט דען אויפֿעסן דעם האָניק גאָר אינגאַנצן?
צו וואָס דאָס פֿראַצעווען פֿאַר פֿרעמדע, נישט פֿאַר זיך?!
נעם אַראָפּ פֿון מיר אַ ביישפּיל: א י ך
טרינק זאַפֿט מיט חשבון פֿון אַזוי פֿיל בלומען,
אַז מיר אַליין בלויז זאָל ער וויל באַקומען. —
די בין האָט אים געענטפֿערט גאָרנישט לאַנג געטראַכט:
— דיין לעבן ציט זיך פֿון באַגין בלויז ביז פֿאַרנאַכט,
און דיינער וועט נישט זיין דער מאָרגן,
איז וואָס־זשע האָסטו היינט צו זאָרגן?
גאָר אַנדערש איז עס מיט די בינען, פֿריינד.
ס'דערוואַרט אונדז נאָך אַ ווינטער, אונדזער ביייזסטער פֿיינד;
דער מענטש געניסט טאַקע דעם האָניק פֿון די בינען,
ער האָט דערפֿאַר זיי אָבער אין דער שווערסטער צייט אין זינען —
ער שפּייזט זיי אין דער ביייזסטער שעה,
און ווינטער, ווען קיין בלומען זיינען אויפֿן פֿעלד נישטאָ.

דער משל וויל אונדז מיטן האָניק פֿון זיין חכמה דינען —
געניס אים, לייענער, און זיך מיט אים דערקוויק —
אין קעגנזייטיקן זיך העלפֿן ליגט דעם מענטשנס גליק.

ה. י. פארבער

געבוירן אין בעסאראביע אין יאר 1889
וווינט אין ארגענטינע.

די הון און דאס פייגעלע

אנומלט איז א הון
געוועזן שטארק פארטון
אין זוכן קערנער צווישן מיסט.
— אוי, נאריש ווי דו ביסט! —
געשריגן האט צום איר א פייגעלע אין שוועבן:
עס וועט דיין באלעבאס דיר שפייז דאך געבן
און וועסט אן קערנער קיינמאל נישט פארבלייבן —
צו וואס־זשע דארפסטו זוכן זיי און קלייבן
אין מיסט?
— איך טו עס נישט אומזיסט, —
אים ענטפערט אפ די הון מיט חן:
די גרייטע קערנער זיינען מאקע גוט און שיין,
געשמאקער אבער איז צו קריגן זיי דורך מי אליין.

שלום-עליכם (שלום ראַבינאָוויטש)

קלאַסיקער פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור
געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1859
געשטאָרבן אין אַמעריקע אין יאָר 1916

אַן אייזל מיט אַ סאָלאָוויי *)

אַן אייזל דערזעט אַ סאָלאָוויי
און מאַכט צו אים מיט אַ געשריי,
ווי אַ נאַכאַל, אַ בלאָזן:
— הער נאָר, סאָלאָוויטשיק, מיין מאַלאַנטשיוע חזן!
מע זאָגט, דו זינגסט עפּעס אַזעלכע שטיק,
וואָס ס'עס פּשוט אַן אַנטיק!
דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מבין,
ווי אַ קאַץ אויף הייוון.

---

*) דער „משל" איז ארויסגענומען פון אונדזער גרויסן שלום-עליכמ'ס אַ ווערק, אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע משלים פון דעם „יידישן קרילאָוו" — מוסטערן, ווי אַזוי נישט צו שרייבן משלים.

טאָמער וואָלסטו מיר געזונגען עפּעס אַ זאַך,
אַ פּאָר שטיקלעך, נישט קיין סך,
נאָר לעבעדיק און הויך,
עס זאָל גיין אַ רויך... —
און ער האָט זיך עס צעלאָזט, דער סאָלאָוויי,
מיט אַ שלשלת, מיט אַ דריי,
מיט אַ פּייף און מיט אַ קנאַק,
ווי אונדזער חזן פּאַסטערנאַק
אויף אַ ברית, אַז ער כאַפּט אַ כוסה,
פריער אַ קליינע, דערנאָך — אַ גרויסע,
און מאַכט דעם גרויסן מי שברך
אונדזער נגיד רב נתן־קורח...
אַ סוף. ער האָט געענדיקט, דער סאָלאָוויי.
רופט זיך אָן דער אייזל צון אים אַזוי:
— נישט זאָגן קיין ליגן —
דו זינגסט נישט שלעכט קיין ניגון.
אָטשען זשאַל! עס גייט פאַרלאָרן אַ טאַלאַנט.
אין אונדזער קעלבל האָב איך מיך דערמאַנט.
ווען דו זאָלסט זיין מיט דעם באַקענט,
וואָלט דיין געמבע ערשט געשמט...

וואָס איז פון דער באַסני די גראַוואָאוטשעניע?
אַז איר שרייבט אָן אַ סאָטשינעניע
און איר ווילט וויסן אויף דעם אַ מנעניע,
זאָלט איר דאָס בעז מאַליישאַוואָ סטיעסניעניא,
און עס זאָל נישט זיין קיין שום ניעדאָראַזומעניע, —
אַריינוואַרפן אין אַ גוטן אָרט דליא אוניטשטאָזשעניא...

אינהאַלט:

* * * ל. אַ. 3

פון דער אוראַלטער יידישער משל־דיכטונג

די ביימער און דער דאָרנבוים — פון העברעיש — ל. אַ. . . 5
דער משפט איבער דער שלאַנג — פון העברעיש — ל. אַ. . 6
דער לייב און דער באַטשאַן — פון העברעיש — ל. אַ. . . 7
דער פוקסט און די פיש — פון העברעיש — ל. אַ. . . . 7
דער פוקס און דער וואָלף — פון העברעיש — ל. אַ. . . . 8
צוויי פייגעלעך — ח. נ. ב. און ר. . . . . . . 9—10
די שקאַפּע, די אייזלטע און די חזירטע — פון העברעיש — ל. אַ. 10—11
די בעסטע סחורה — פון העברעיש — ל. אַ. . . . . 11—12

פון דער אלט־גריכישער משל־דיכטונג

עזאָפּ 13
דער האַלצהעקער און הערמעס —
עזאָפּ. איבערדערציילט פון ש. באַסטאָמסקי 13—14
די שעשקע און די מויז—עזאָפּ. איבערדערציילט פון ש. באַסטאָמסקי 13—14
דאָס פערד און דער אייזל—עזאָפּ. איבערדערציילט פון ש. באַסטאָמסקי 15—16

פון דער מיטלאַלטערלעכער יידישער משל־דיכטונג

א בעל-חשבון . . . . 17—18
א בעל-טובה 18

פון דער נייער משל־דיכטונג

לאַפּאָנטען . . . . 19—20
ווי די יונגע מויז זעט די וועלט — לאַפּאָנטען. לויט יהואש 20—21
אי. א. קרילאָוו . . . . 22—23
דער הונט און דאָס פערד — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אַליצקי 23—24
צוויי הינט — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אַליצקי . . . 24—25
דער חזיר אונטערן דעמב — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אַליצקי 25—26

דער לייב אויף יאַגד — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי . 26—27
דער פויער און דער באַטראַק — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי 27—28
די דורכגייער און די הינט — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי 28
די חלוקה — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי . . . 29
דער וואָלף און דאָס שעפּסל — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי 30—31
גענדז — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי . . . . 31—32
דער וואָלף אויפן הינט-הויף — קרילאָוו. פון רוסיש — ל. אָליצקי 32—33
אי. קראַשיצקי 34
דער טינטער און די פעדער —
אי. קראַשיצקי. פון פויליש — ל. אָליצקי 35
דער בושל, די פיש און דער ראַק —
אי. קראַשיצקי. פון פויליש — ל. אָליצקי 35—36
דער מענטש און דאָס מלבוש —
אי. קראַשיצקי. פון פויליש. — ל. אָליצקי 36—36
צוויי טשערעפּאַכעס —
אי. קראַשיצקי. פון פויליש — ל. אָליצקי 37
דאָס עכברל און די מאַמע —
אי. קראַשיצקי. פון פויליש — ל. אָליצקי 37
פריינד — אַדאַם מיצקעוויטש. פון פויליש — ל. אָליצקי . 38—39
לייט אין פרייען פעלד —
אדאַם מיצקעוויטש. פון פויליש — ל. אָליצקי 39
א ראָב, וואָס האָט נאָכגעמאַכט אַן אָדלער — ג. לעסינג. לויט יהואש 40—41
דער הירש — ל. טאָלסטאָי. פון רוסיש — חנה לעווין . 41—42
די קוואָקע און די הינדעלעך — ל. טאָלסטאָי. פון רוסיש — חנה לעווין 42
דער מוק און דער לייב — ל. טאָלסטאָי. פון רוסיש — חנה לעווין 41—42
די קראָען און די טויבן — ל. טאָלסטאָי. פון רוסיש — חנה לעווין 43

פון דער נייער יידישער משל-דיכטונג

ד"ר שלמה עטינגער . . . . 44—45
דער בעל-הלוואה — ש. עטינגער 45
דער שליש — ש. עטינגער . . . . . . 46—47
דאָס זעקל — ש. עטינגער . . . . . . 47—48
דער גילדן — ש. עטינגער . . . . . . 48—49
דער חזיר, די שאָף און די ציג — ש. עטינגער . . 49—50
ווי די חיות האָבן אויסגעקליבן א מלך — א. ב. גאָטלאָבער . 51—53
דער אָרעמער עושר — א. ב. גאָטלאָבער . . 51—53
די פרומע קאַץ — י. ל. פּרץ . . . . . . 57—60
חנפענען און גנבענען — רב מרדכילע . . . . 60—62
משיחס צייטן — רב מרדכילע . . . . . 62—64
דאָס גלאָז און דער שפּיגל — ש. אַנסקי . . . . 65—66
די רעגנטראָפּנס און דער פעלדז — יהואש . . . 66—67

דער שמאָלער שטראָם און דער פויער — יהואש 67—68
דער וואָלפיש ז"ל — יהואש 68—69

פון דער בייסטער יידישער משל-דיכטונג

אליעזר שטיינבאַרג 70—71
דער קוש — א. שטיינבאַרג 71
דאָס פערד און די בייטש — א. שטיינבאַרג 72
די באַרשט און דער קאַמאַש — א. שטיינבאַרג 72
צוויי פייגעלעך — א. שטיינבאַרג 73—74
די פלאַקסמן און די קאַרטאָפל-בלימעלעך — א. שטיינבאַרג 75—76
די שפּיז און די נאָדל — א. שטיינבאַרג 76—77
די קאַץ און דער וורשט — א. שטיינבאַרג 77—78
שנאת-חינם — א. שטיינבאַרג 78—79
דער שול-טאָוול און דאָס קריידל — ל. אָליצקי 80—81
די ציבעלע און דאָס ווערצל כריין — ל. אָליצקי 81—82
די סמעטענע און די זויערמילך — ל. אָליצקי 82—83
דאָס מלבושים-בערשטל — ל. אָליצקי 83—84
דער שטראַל און די זון — ל. אָליצקי 84—85
די בדוינע קאַשע און דאָס הירזשיקל — ל. אָליצקי 85—86
דער בוים, דער פּניאָק און זיינע ריטלעך — ל. אָליצקי 87—88
דאָס פערד און דער קעמל — נ. יוד 88—89
צוויי פרויען — נ. יוד 92—91
דער הונט און דער וואָלף — נ. יוד 91—92
די געלערנטע קאַץ — נ. יוד 92—93
די סטראַשידלע — נ. יוד 93—94
דאָס יינגל און דאָס הינטל — פ. ב. ראַוויצקי 95
דער האָז און דער קעמל — פ. ב. ראַוויצקי 95—96
דער בריליאַנט אין דעם שליפערס האַנט — פ. ב. ראַוויצקי 96
דער פערד-האָטעל — פ. ב. ראַוויצקי 97
די שווערד און דער חלף — פ. ב. ראַוויצקי 97—98
דער וואָלף און דאָס לעמעלע — מ. שולשטיין 99—100
לעפל-גאָפל — פ. מיראַנסקי 101
דאָס שויטל האָלץ און די טאָפּעריסקע — פ. מיראַנסקי 101—102
די קראָ און די וועווערקע — פ. מיראַנסקי 102—103
דער בוריק און דער האָלענדער קעז — פ. מיראַנסקי 103—104
דער האָז און דער קאַפּראַל — ב. גוטיאַנסקי 104—105
די הושענות — ב. גוטיאַנסקי 105—106
פאָן וואַנץ — מ. גערשענזאָן 107
דאָס איינטאָג-פלאַטערל און די בין — אומבאַקאַנטער 108
די הון און דאָס פייגעלע — ה. י. פאַרבער 109
אַן אייזל מיט א סאָלאָוויי — שלום-עליכם 110—112

Zebrał i opracował
L. OLICKI

Książka zatwierdzona pismem Min. Oświaty nr Oc-306|50
2. VIII. 1950 jako lektura w klasach V—VII szkół
z żydowskim językiem nauczania

Drukowano w kwietniu 1951 Nakład 2,000 + 200 egz.
Arkuszy druku 7 1/4 Zarządzenie 1038 Zamówienie 3806
Papier druk. sat. 70 g, kl. V 61x86 cm 2-B-117717

Druk. „Nowe Życie", Warszawa, Al. Gen. K. Świerczewskiego 79

ŻYDOWSKA BIBLIOTEKA SZKOLNA
SERIA D ŻBIÓR 3

DIAMENTY DLA WSZYSTKICH

Baśnie

PZWS

WARSZAWA 1951
PAŃSTWOWE ZAKŁADY WYDAWNICTW SZKOLNYCH